YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i14

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 14
April 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 14)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/102

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

גערעכטיגקייט [illegible]
[illegible]
([illegible]).

[illegible]

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. III. No. 14. Friday, April 1, 1921. פרייטאג, דעם 1טען אפריל, 1921. PRICE 3 CENTS

אינטערנעשאנאל אפעלירט געגען אור-טייל אין די אינדזשאנקשאן קייסעס

מארים הילקוויט פיהרט אן דעם קאמף אין קאורט פאר דער יוניאן.

די אינדזשאנקשאן מגפה פארשפרייט זיך פון טאג צו טאג. די מאנופעקטשורער אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע פארקוקען זיך, אפנים, אויף די מענער-קליידער פאבריקאנטען און עס רעגענט פשוט מיט אינדזשאנקשאן-קייסעס געגען אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן.

דא ניט לאנג צוריק האט דזשאדזש ניובורגער ארויסגעגעבען אן אינדזשאנקשאן געגען אונזער אינטערנעשאנאל, אין דער קייס פון דער וויסט פירמע פלארשהיימער, און פאר'ן זעלבען דזשאדזש דארפען פארקומען נאך אנדערע קייסעס. די באסעס טראכטען זיך, ווי באלד ער האט ארויסגעגעבען אן אינדזשאנקשאן אין דער קייס, טא וועט ער מסתמא געבען נאך אנדערע. עס איז א פליינער חשבון. און טאקע נאך פירמען האבען שוין גענומען פארלאנגען אינדזשאנקשאנס.

אבער דזשאדזש ניובורגער איז ניט דער איינציגער. ער האט לעצטע וואך צוגעקראגען א חבר אין דזשאדזש ערלאנגער, וועלכער האט ארויסגעגעבען צוויי אינדזשאנקשאנס געגען אונזער יוניאן צו די וויסט און דרעס פירמען באום און וואולף, פון 99 מעדיסאן עווענ‍יו, און רובין, פיליפ און קאהן, פון 14 איסט 30טע סטריט. דיזע אינדזשאנקשאנס זיינען ארויסגעגעבען געווארען געגען די וויסט און דרעסמאכער יוניאנס ווי אויך געגען דער גאנצער אינטערנעשאנאל יוניאן. די דערמאנטע פירמען זיינען פון די איינגעשפארטע באסעס פון דער אמאליגער וויסט און דרעס אסאסיאיישאן, געגען וועלכע דער דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע פיהרט אן א סטרייק. די אינדזשאנקשאנס לויטען, אז דער יוניאן איז ניט ערלויבט צו פיקעטען יענע שעפער. סטרייקען, הייסט עס, מעג מען נאך יע. אבער פיקעטען די שעפער, כדי שנעלער צו געווינען דעם סטרייק, טאר מען ניט.

זעהר כאראקטעריסטיש איז געווען די ערקלערונג פון דזשאדזש ערלאנגער, ביים ארויסגעבען די אינדזשאנקשאנס. ער טוט עס, — זאגט ער, — ווייל ער זעהט אין די סטרייקס א קאנספיראציע צו שעדיגען די ביזנעס פון די מאנופעקטשורער.

דאס איז א זעהר טיעפזיניגער געדאנק. פון דעם שטאנדפונקט דארפען די דזשאדזשעס ארויסגעבען אינדזשאנקשאנס געגען יעדען איינציגען סטרייק. וואריום וועלכער סטרייק עס זאל ניט גע-

(שלוס אויף זייט 16)

אן אסעסמענט פון 6 דאל. פאר'ן סטרייק פון די וויסט און דרעסמאכער

דער סטרייק געגען די פאר'עקשנ'טע וויסט און דרעס פירמען געהט אן מיט דער זעלבער ענערגיע, ווי פריהער. דאס וואס א פאר דזשאדזשעס האבען ארויסגעגעבען איינינע פירמען אינדזשאנקשאנס, האט דעם קאמף ניט אפגעשוואכט. דער סטרייק וועט ניט אויפגעגעבען ווערען ביז די גערעכטע פאדערונגען פון די סטרייקער וועלען געוואנען ווערען.

אבער אויף אנצופיהרען דעם קאמף ביז א זיגרייכען ענד, דארף מען האבען געלד, און דאס געלד מוז געשאפען ווערען פון די ארבייטער אין דער אינדוסטריע.

ווי מיר האבען געמעלדעט אין די „גערעכטיגקייט“ מיט א פאר וואכען צוריק, איז באשלאסען געווארען פון דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע, און עס איז נאך דעם גוטגעהייסען געווארען פון א שאפ-טשערמאן מיטינג, אז אלע ארבייטער פון די געסעטעלטע וויסט און דרעס שעפער אין ניו יארק זאלען געטעקסט ווערען, מאנכע מיט א דאלאר, און מאנכע מיט א דאלאר און א האלב א וואך, פאר דער גאנצער צייט, וואס דיזער סטרייק וועט אנהאלטען. ווי עס ווייזט זיך אבער ארויס, ארבייט עס ניט ווי עס באדארף צו זיין. מאנכע ארבייטער אין דעם טרייד האבען טאקע פינקטליך געצאהלט דעם טעקס. אנדערע אבער האבען זיך דערוויילע נאך ניט געלאזט הערען. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אויף דעם אופן איז אונמעגליך צו מאכען, אז אלע ארבייטער אין טרייד זאלען צאהלען דעם טעקס, כדי די גאנצע לאסט זאל ניט פאלען בלויז אויף א טייל ארבייטער, און מען האט גענומען זוכען אן אנדער וועג, ווי צו מאכען צאהלען אלעמען גלייך.

אויף דעם לעצטען מיטינג פון באארד אוו דירעקטארס איז די פראגע גאנץ גענוי באטראכט געווארען, און מען איז געקומען צום שלוס, ארויפצולעגען אן אסעסמענט פון זעקס דאלאר אויף יעדען מיטגליעד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע. דער טעקס וועט יעדער מיטגליעד פון דער יוניאן דארפען באצאהלען. פון דעם אסעסמענט וועט זיך קיינער ניט קאנען ארויסדרייען; אין יוניאן ביכעל פון יעדען מיטגליעד פון דער יוניאן וועט דארפען זיין אויפגעקלעפט די אסעסמענט סטעמפס, גראדע ווי די דיוס סטעמפס.

עס איז אויך באשלאסען געווארען, דאס די געלד, וואס די ארבייטער פון די געסעטעלטע שעפער האבען שוין איינגע-

(שלוס אויף זייט 16)

דער סכסוך אין דער ווייט-גודס אינדוסטריע ענדליך געסעטעלט

נאך א רייהע פון פיעלע קאנפערענצען צווישען אונזער ווייטגודס וואירקערס יוניאן, לאקאל 62, און די „קאטען גארמענטס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן“, איז מען ענדליך געקומען צו א סעטעלמענט.

ווען די יוניאן האט אויפגעהויבען די פראגע וועגען באנייען דעם קאלעקטיווען אגרימענט אין דעם טרייד, וועלכער איז אויסגעגאנגען דעם 26טען מערץ, און פארלאנגט איינינע פארבעסערונגען, האט די אסאסיאיישאן ארויסגעשטעלט א קאנטער-פאדערונג, ארונטערצושניידען די שכירות פון די ארבייטער. די יוניאן האט געענטפערט: ניין, און די ארבייטער האבען זיך גענומען גרייטען צו א סטרייק. אבער די קאנפערענצען צווישען דער יוניאן און די אסאסיאיישאן זיינען איינגאנצען ניט אפגעבראכען געווארען, זיי האבען זיך געצויגען און געצויגען, ביז מען איז ענדליך געקומען צו א סעטעלמענט. די פארשטעהער פון דער אסאסיאיישאן האבען צוריקגעצויגען זייער פאדערונג, ארונטערצושניידען די שכירות און זיי זיינען אויף איינגעגאנגען אויף איינינע פארבעסערונגען, וואס די יוניאן האט געפאדערט.

1. אין דעם נייעם אגרימענט ווערט איינגעשטעלט מינימום סקיילס פאר די וואך-ארבייטער און אויך פאר די לערנערס, וואס קומען אריין אין טרייד.

2. דער באזיס-רייט פאר סעטלען די פרייזען פאר שטיק-ארבייטער ווערט געהעכערט.

3. די מאנופעקטשורער, וואס האבען ארונטערגעשטעלט די פרייזען פון זייערע ארבייטער אין דעם [illegible] פון לעצטען סלעק-סיזאן, זאלען 24 שטונדען נאך דעם ווי דער אגרימענט געהט אריין אין קראפט, ווידער אנפאנגען צאהלען די פריהערדיגע פרייזען.

4. דער צווייטער האלבער טאג פון עלעקשאן דעי זאל ניט געארבייט ווערען און די וואך-ארבייטער זאלען באקומען באצאהלט פאר'ן גאנצען טאג. דאס הייסט, צו די דריי געזעצליכע יום-טובים האבען די ארבייטער באקומען נאך א האלבען יום-טוב טאג.

נאטירליך, דערווייליע איז דער נייער אגרימענט אנגענומען געווארען בלויז פון די קאנפערענץ קאמיטעס פון ביידע

(שלוס אויף זייט 12)

מיטינג פון באארד אוו רעפערים אין קליוולאנד

ווען מיר געהען צום פרעס, האבען מיר באקומען א טעלעגראמע פון קליוולאנד, פון אונזער וויס-פרעזידענט מ. פערלשטיין, וועלכע לעזט זיך ווי פאלגט:

„די הירינג פאר דעם באארד אוו רעפערים פאנגט זיך אן מיטוואך, דעם 30טען מארטש. עס האנדעלט זיך וועגען איינינע שטרייטיגקייטען אין דער קלאוק-אינדוסטריע. ספעציעל וועגען דעם, וואס די מאנופעקטשורערס פארלאנגען א רעדאקשאן אין ווידזשעס.

„דיענסטאג אבענד איז אפגעהאלטען געווארען א גרויסער מעמבער-מיטינג אין דעם אינזשינירס אודיטאריום. דער מיטינג איז געווען א באגייסטערטער. עס איז איינשטימיג באשלאסען געווארען, דאס די פארשטעהער פון דער יוניאן ביי דער הירינג זאלען בשום אופן ניט נאכגעבען אויף קיין האר וועגען רעדוצירען די ווידזשעס“.

די יוניאן וועט ביי דער הירינג רעפרעזענטירט ווערען פון וויס פרעזידענט מ. פערלשטיין און אלעקסאנדער טראכטענבערג, דער דירעקטאר פון אינטערנעשאנאל ריסוירטש דעפארטמענט.

גען. טראכטענבערג איז שוין זייט צוויי וואכען אין קליוולאנד. ער האט דארט געמאכט אן אונטערזוכונג וועגען לעבענס-קאסט און וועט קומען צו דער הירינג באוואפענט מיט סטאטיסטיקס, מיט פאקטען און באווייזע, אז די ווידזשעס פון די קלאוקמאכער זיינען נאך צו נידעריג. ער וועט באווייזען, ווי וויים ניט גערעכט די באסעס זיינען ווען זיי פארלאנגען, די ווידזשעס זאלען רעדוצירט ווערען.

ארגאניזאציאנס קאמפיין אין פעטערסאן

דער אוט-אוו-טאון דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל, פון וועלכען בר. דזש. האלפערין איז דער מענעדזשער, האט לעצטע וואך אנגעפאנגען אן ארגאניזאציאנס-קאמפיין אין פעטערסאן, נ. דזש. אין פעטערסאן געפינען זיך פיעלע שעפער פון ליידיס גארמענטס. עס זיינען דארט פאראן איינינע וויסט-שעפער, דרעסעס-שעפער, עטליכע קארסעט-שעפער און אנדערע. איינינע פון דיזע שעפער זיינען אנטלאפענע פון ניו יארק. איינער פון זיי איז דער שאפ פון מיקאלא בראדערס, וועלכער איז גוט באקאנט די מעמבערס פון לאקאל 25. א צווייטער איז דער אנדערוועער שאפ פון גארפינקעל און ריטער, וועלכער האט אין ניו יארק געהאט אן אגרימענט מיט דער ווהייט-גודס וואירקערס יוניאן לאקאל 62. דיזער שאפ איז איינער פון די גרעסטע אין פעטערסאן. דארט זיינען באשעפטיגט 150 ארבייטער.

פון דעם איז צו זעהען, אז פעטערסאן איז א פעלד פאר ארגאניזאציאנס-טעטיגקייט, און דער אויט-אוו-טאון דעפארטמענט האט באשלאסען צו ארגאניזירען יענע שעפער. דעם קאמפיין פיהרט אן ברודער נייטען ווייס, ארגאניזער פאר ניו דזשוירזי סטייט, און ווי ער באריכטעט, קאן מען ערווארטען גוטע רעזולטאטען. די סוירקולארס, וועלכע זיינען דארט פארשפרייט געווארען, האבען געמאכט א גוטען איינדרוק און א סך פון די ארבייטער זיינען פאראינטערעסירט געווארען אין דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין, ספעציעל די ארבייטער פון דעם גרויסען אנדערוועיר שאפ.

א מאסמיטינג איז דארט פארופען געווארען פאר דיענסטאג אבענד, דעם 29טען מארטש, אין טורין האל, 90 מארקעט סטריט.

זאל דא אויך געזאגט ווערען, אז ברודער ווייס ווערט פיעל געהאלפען אין דער ארבייט פון לאקאל 123, פון די ליידיס טיילארס אין פעטערסאן. ברודער פריעדמאן, דער פרעזידענט פון לאקאל, און די מעמבערס פון דער עקזעקוטיוו באארד גיבען אוועק פיעל צייט צו העלפען ארגאניזירען די אנדערע ליידיס גארמענט-ארבייטער פון יענער שטאדט.

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט“ נומער 14.

זייט 2. די וואך. — מאקס ד. דאנניש. עלעקשאן און אינסטאלייישאן אין נייעם לאקאל 60. — ל. [illegible]. דער עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון לאק. 22. — ס. סנדלר.
זייט 3. לעבען און טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דער קלאוקמאכער יוניאן. — א סטעף רעפארטער. אן אויפרוף פאר געצייג.
זייט 4. אין אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.
זייט 5. קוויטירונגען פון די קלאוקשעפער פאר די אמאלגאמייטעד סטרייקער.
זייט 6. די ארבייטס באדינגונגען אין דער שניידער אינדוסטריע אין דייטשלאנד.— וואן דער הייג. די נעשאנאליזיישאן אייד ליג.
זייט 7. וואס ווילען די קלאוקמאנופעקטשורערס? — י. פיינבערג. פילאדעלפיער נייעס. — א. נייבאוער.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 9. די ארבייטער זיינען „אלל-רייט“ נאר די יוניאנס טויגען ניט... — ה. לאנג. דער זייגער (געדיכט).—נחום י.
זייט 10. די עקאנאמישע ווידערשפרוכען אין כאוועט רוסלאנד. — ש. ראבינאוויטש.
זייט 11. ווי צו זיין געזונד. — דר. ב. דובאווסקי. מאריקע (סקיצע). — פ. [illegible]
זייט 12. [illegible]
זייט 13, 14, 15 און 16. [illegible]

דער סטרייק פון וויסט און דרעסמאכער

(שלוס פון זייט 1)

ער זאל זיך ניט פארציהען. און דער סטרייק וועט געפיהרט ווערען אזוי לאנג, ביז ער וועט געוואונען ווערען, עס מאכט ניט אויס ווי לאנג דאס זאל ניט נע־דויערען. מענען די באסעס דאס נעה־מען אין אכט. אפשר וועלען זיי דאך איינזעהען, אז זייער איינגעשפארטקייט וועט זיי גאר ניט העלפען און דאס סוף כל סוף וועלען זיי דאך מוזען סעטלען מיט דער יוניאן.

מיר מאכען באקאנט, דאס אין נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט“ וועלען מיר אנפאנגען דרוקען די קוויטירונגען פון די וויסט און דרעס שעפער, פאר דעם סטרייק. דאס הייסט, עס וועט פארעפענטליכט ווערען אין צייטונג די שעפער, פון וועלכע די ארבייטער צאה־לען דעם טעקס פאר דעם וויסט און דרעס סטרייק, און די סומע געלד, וואס קומט אריין פון יעדען שאפ. דער סעק־רעטער פון דעם דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע, ברו־דער מאקאוו, האט שוין די וואך אונז צוגעשיקט די ערשטע ליסטען מיט דיזע קוויטירונגען, אבער אויס מאנגעל אין פלאץ האבען מיר אין דעם נומער ציי־טונג ניט געקאנט אנהויבען עס דרוקען. עס וועט זיך אבער גאנץ באשטימט נעהמען דרוקען אין קומענדען נומער.

זעהט, אז אייער שאפ זאל זיין צווי־שען די שעפער, וואס וועלען ווערען פאר־עפענטליכט.

סעקרעטער באראף אין באסטאן

(שלוס פון זייט 1)

פעקטשורער׳ס צד, אז די יוניאן קאן קיין „רעדאקשאן אין וויידזשעס“ בשום אופן ניט דערלאזען און מען איז ענדליך געקו־מען צו אן איינפארשטענדניס: די מא־נופעקטשורער האבען געלאזען פאלען זיי־ער פאדערונג, און דער פריהערדיגער סטענדארד און וויידזשעס בלייבט ווייטער אין קראפט.

זונטאג האט ברודער באראף געהאט א מיטינג מיט די טוער פון דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 49. דיזע יוניאן, ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין פון לעצטער וואך, האט איצט אונטערנו־מען א ברייטען ארגאניזאציאנס־קאמפיין. דער נייער מענעדזשער פון דער יוניאן, אונזער וויס־פרעזידענט מאקס גארענ־שטיין, האט אין דער יוניאן אריינגעבראכט א נייעם לעבען און דער ארגאניזאציאנס־קאמפיין ווערט גאנץ לעבעדיג אנגע־פיהרט. אונזער אינטערנעשאנאל העלפט, פארשטעהט זיך, דיזע ארבייט מיט אלע מעגליכקייטען און סעקרעטער באראף האט געהאלפען אויסארבייטען פלענער, ווי דיזער ארגאניזאציאנס־קאמפיין זאל געפיהרט ווערען, כדי עס זאל ברייננגען אלץ בעסערע רעזולטאטען.

אין קורצען, סעקרעטער באראף האט אין באסטאן פארבראכט צוויי ביזי טעג, וואס וועט געוויס זיין פון גרויס נוצען פאר אונזער יוניאן, ווי פאר די מיט־גלידער פון אונזערע לאקאלס אין באס־טאן.

האט איהר ווען געקוקט אויף דער הינטער זייט פון דיזען פעקעדזש?

טשעסטערפיעלד סיגארעטס

זיינען א גלייכע בלענד פון די פיינסטע אראמאטישע טער־קישע און בעסטע פון איינינע פערשיעדענע אמעריקאנער טא־באק. צוזאמענגעשטעלט אין ריכטיגען ערך ארויסצוברענגען די פיינע קוואליטים פון יעדען טאבאק.



דאס איז וואָרום

זיי שטעלען צופריעדען

— און דער בלענד קען ניט נאכגעמאכט ווערען

Chesterfield
CIGARETTES

20 פאר 20 סענט

אין לופט פערזיגעלטע פעקעדזשעס. מען קען אויך קריגען אין רונדע בלעך באקסעס פון 50 פעקס פערזיגעלט.

LIGGETT & MYERS TOBACCO CO.

לעבען און טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דער קלאוקמאכער יוניאן

פון א סטעף רעפארטער.

מיר האבען שוין פריהער אנגעוויזען אין די „גערעכטיגקייט", אז אין דעם אפיס פון די „פראטעקטיוו דיוויזשאן", וועלכער האט אונטער זיין קאנטראל די שעפער פון די קלאוק-מאנופעקטשורער, וועלכע זיינען מיטגלידער פון דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן", האט זיך אויף א האר ניט אפגעשטעלט די טעטיגקייט, נאכדעם ווי דיזע אסס'ן האט אפגעבראכען דער אגרימענט מיט דער קלאוקמאכער יוניאן. מיר האבען דעמאלט אנגעוויזען, דאס די „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן" האט געקאנט אפשטעלען בלויז איהר „מאשינערי", וועהרענד די „מאשינערי" פון דער יוניאן, וואס איז געשאפען געווארען ספעציעל אויפצופאסען אויף די „פראטעקטיוו" שעפער, איז פארבליבען אין קראפט, און ארבייט איצטער אפשר נאך מיט מעהר ענערגיע, ווי פריהער.

די לאגע איז איצט אזא: אין דער טעאריע עקזיסטירט ניט מעהר די קלאוקמאכער יוניאן פאר דער „פראטעקטיוו אסס'ן", זיי אנערקענען איהר ניט... די יוניאן ע ק ז י ס ט י ר ט אבער אין דער פראקטיקע! און אין דער פראקטיקע עקזיסטירט זי, ניט בלויז פאר די ארבייטער, נור אויך פאר די באלעבאטים פון די „פראטעקטיוו" שעפער. די מיטגלידער פון דער „פראטעקטיוו אסס'ן" ווייסען, אז לויט די שטעלונג פון זייער אסס'ן דארפען זיי מיט דער יוניאן ניט פארהאנדלען. די יוניאן איז אבער אויף איהר פאסטען איצט אזוי גוט ווי פריהער און, צו מען וויל יע, צו מען וויל ניט, מען מוז מיט איהר האנדלען. די אונטערשטע שורה איז, דאס די קאמפליינטס אין די שעפער ווערען אטענדעט איצט אזוי גוט, ווי פריהער.

מיר האבען פאר זיך א רעפארט, וואס ברודער דזש. רובין, דער מענעדזשער פון דעם „פראטעקטיוו דיוויזשאן" אפיס פון דזשוינט באארד, האט צוזאמענגעשטעלט, וועגען דער טעטיגקייט אין זיין אפיס פאר די לעצטע 5 וואכען, און דיזער רעפארט איז אנגעפילט מיט פאקטען און ציפער וועגען אט דער טעטיגקייט. דער רעפארט ווייזט, דאס קאמפליינטס ווערען אטענדעט און דער אפיס איז איצט פול מיט לעבען און טעטיגקייט, פונקט אזוי גוט, ווי פריהער. מיר וועלען דא איבערגעבען דעם כאראקטער פון די קאמפליינטס, וואס זיינען אין די לעצטע עטליכע וואכען אטענדעט געווארען, מיר קאנען אבער נים, צוליעב פארשטענדליכע אורזאכען, אנגעבען די נעמען פון די פירמען.

אט זיינען אייניגע קייסעס:

א געוויסע פירמע האט אוועקגעשיקט פיער אפרייטארס, מקלומרשט דערפאר, וואס זיי מאכען ניט גענוג ארבייט. אלע ארבייטער פון דעם שאפ זיינען גערופען געווארען צו א שאפ-מיטינג, און עס איז באשלאסען געווארען זיי זאלען זיך ניט צוריקקערען ארבייטען, אויב די פירמע וועט ניט צוריקנעהמען די פיער אפרייטארס, וואס זי האט אפגעזאגט פון דער ארבייט.

עס האבען זיך אנגעהויבען פארהאנדלונגען דירעקט צווישען דער יוניאן און דער פירמע און די פיער אפרייטארס זייגען רעאינסטייטעט געווארען.

א צווייטע פירמע, וואס באשעפטיגט 17 אפרייטארס, האט געמופט דעם שאפ אין אנ'אנדער פלאץ, און אין דעם נייעם פלאץ איינגעשטעלט בלויז 15 מאשינען. מופענדיג, הייסט עס, האט די פירמע אויפ'ן וועג פארלארען צוויי אפרייטארס.

די יוניאן, צוזאמען מיט די ארבייטער פון דעם שאפ, האבען באשלאסען דאס ניט צו דערלאזען. עס איז באשלאסען געווארען, אז די ארבייטער זאלען אין דעם נייעם פלאץ ניט אנפאנגען ארבייטען, סיידען די פירמע וועט מאכען פלאץ פאר די אפרייטארס, וואס זיינען ארויסגעפאלען פון דעם שאפ.

און אזוי איז דאס טאקע געווען, די פירמע האט ווירקליך געמאכט פלאץ פאר די צוויי אפרייטארס.

א דריטע פירמע האט געמאכט אויסנאהמען מיט די פינישערס, האט געגעבען איין פינישער מעהר ארבייט, א צווייטען ווייניגער. אחוץ דעם זיינען דא געזעסען ביי דער ארבייט א צעהן פינישערס, וואס האבען גאר ניט באלאנגט צו דער יוניאן. צווישען די פינישערס זיינען געווען מיטגלידער פון לאקאל 9 און פון דעם איטאליענישען לאקאל 48 און דער גאנצער פינישינג רעפארטמענט פון דעם שאפ איז אפגעשטעלט געווארען פון א דזשאינט קאמיטע פון די דערמאנטע צוויי לאקאלס.

עס האט זיך גלייך אנגעהויבען פארהאנדלונגען צווישען די ארבייטער און די פירמע און מען איז געקומען צו אן אויסגלייך. די פירמע האט זיך פארפליכטעט ווייטער צו פארטיילען די ארבייט צווישען אלע פינישער גלייך, אין די צעהן איטאליענישע מיידלאך, וואס האבען ניט באלאנגט צו דער יוניאן, האבען פריער זיך געמוזט איינשרייבען אין דער יוניאן, איידער זיי האבען געקאנט צוריק ארויפגעהן ארבייטען אין יענעם שאפ.

נאך א פירמע האט אפגעזאגט פון דער ארבייט אן אפרייטאר, וועלכער האט געארבייט אין דעם שאפ זייט די לעצטע 16 יאהר.

דער שאפ-טשערמאן פון דעם שאפ האט אליין אויפגענומען די קייס מיט דער פירמע, אבער ער האט דעם מאן ניט געקענט רעאינסטייטען. די יוניאן האט דעמאלט אנגעהויבען פארהאנדלען וועגען דעם מיט דער פירמע און דער אפרייטאר איז רעאינסטייטעט געווארען.

אזעלכע פעלע האבען פאסירט נאך אין אייניגע אנדערע שעפער, מיט'ן זעלביגען רעזולטאט.

און אט איז א באזונדערס כאראקטעריסטישע קייס.

ביי א געוויסער פירמע זיינען שוין זייט א לענגערער צייט באשעפטיגט פיער אלטיטשקע פינישערס. ווען אלע ארבייטער האבען באקומען געהעכערט די שכירות, לויט דער ענטשיידונג פון דעם גאווערנאר'ס קאמישאן, האט דיזע פירמע ניט געוואלט העכערען די שכירות פון די פיער אלטע פינישערס, אין דער צייט וואס אלע אנדערע ארבייטער אין דעם שאפ האבען די העכערונג יע באקומען. די יוניאן האט דעמאלט געמאכט א פייט דערפאר, און די פירמע האט די קייס פארלארען.

האט זיך די פירמע געוואלט איצט באנוצען מיט דער געלעגענהייט, וואס דער אגרימענט איז אפגעבראכען, און האט די פיער אלטע פינישערס אינגאנצען אפגעזאגט פון דער ארבייט. אבער די יוניאן איז דאך אויף איהר פאסטען איצט אזוי גוט, ווי פריהער, און דער שאפ איז גלייך אפגעשטעלט געווארען.

דער פירמע האט עס אפילו שטארק פארדראסען, — וואס הייסט? די אסאסיאיישאן אנערקענט ניט מעהר די יוניאן, טו מיט „וועלכען רעכט" שטעלט די יוניאן אפ דעם שאפ?

אבער רעכט היינט, רעכט מארגען, — די פירמע האט געמוזט צוריקנעהמען צו דער ארבייט די פיער אלטע פינישער, און די פירמע ווייס שוין איצט, אז די יוניאן עקזיסטירט נאך, כאטש די „פראטעקטיוו אסס'ן" אנערקענט איהר ניט.

און ברודער רובינ'ס רעפארט האט צו דערצעהלען וועגען גאר פיעלע אזעלכע און עהנליכע קייסעס, וואס ווייזען, אז די יוניאן איז איצטער גאנץ טעטיג אין די „פראטעקטיוו שעפער".

אז די יוניאן לעבט און איז ווירקזאם אין די פראטעקטיוו שעפער, באווייזט אמבעסטען די ליסט פון „בעק פייס", וואס דער אפיס האט אין די לעצטע 5 וואכען אויפגעמאנט פאר די ארבייטער אין די „פראטעקטיוו שעפער". די סומע באטרעפט טויזענט מיט פינף און נייגציג דאלאר מיט צוויי און אכציג סענט (1095.82 ד.). אויף דעם ליסט געפינען זיך, פארשטעהט זיך, די נעמען פון די מאנופעקטשורער, ביי וועלכע דאס געלד איז אויפגעמאנט געווארען אבער עס איז איצט ניט נויטיג די פירמען צו פארעפענטליכען, כאטש אין דער „פראטעקטיוו אסס'ן" ווייס מען אפשר פון דעם, און מען מאכט זיך ניט וויסענדיג...

און טאמער איז פאראן ווער וואס צווייפעלט נאך אלץ צו די קלאוקמאכער יוניאן האט איצט א צוטריט צו יענע שעפער, האבען מיר פאר זיי נאך א גוטען באווייז. ווי איהר ווייסט אוהאי, ווערט איצט אין די קלאוקשאפער פון ניו יארק קאלעקטירט דאס געלד פאר צוויי שטונדען ארבייט פאר די אמאלגאמייטעד סטרייקערס, און אין ברודער רובינ'ס רעפארט געפינען מיר וועגען דעם דאס פאלגענדע:

„ביז מאנטאג, דעם 14טען מערץ, איז אריינגעקומען אין אפיס פון דער יוניאן פאר די אמאלגאמייטעד סטרייקער קאלעקשאנס פון 137 פראטעקטיוו שעפער. די סומע באטרעפט 12,957.69 ד.".

די ציפער רעדען פאר זיך אליין, באמערקונגען זיינען דא איבעריג.

צום שלום וועט ניט שאדען צו באמערקען, דאס די יוניאן באקומט אין דער ארבייט גרוים הילף פון די שאפ-טשערלייט אין די „פראטעקטיוו שעפער". די טשערלייט ארבייטען האנד אין האנד מיט'ן „פראטעקטיוו דיוויזשאן" פון דער יוניאן, וועלכער האט אונטער זיין קאנטראל די אלע „פראטעקטיוו" שעפער. דאס ווייזט, נאטירליך, אז די „טשערלייט", וואס זיינען באמת די פארטרעטער פון דער יוניאן אין שאפ, זיינען קלאסען און ציעלבאוואוסט, און דאס זיי זיינען ווערדיג צו פארטרעטען דעם אמט, וואס די ארבייטער פון די שעפער האבען זיי אנגעטרויט. און כאטש דיזע טשערלייט טוען דערביי זייער פליכט אלס גוטע יוניאן-לייט, קומט זיי פונדעסטוועגען א דאנק פאר דער גרויסער איבערגעבענקייט צו דער יוניאן אין דעם איצטיגען מאמענט. זאל דיזע ארבייט מיט דעמזעלבען פלייס פארטגעזעצט ווערען אויך ווייטער!

* * *

מיר האבען אויך באקומען א רעפארט פון ברודער מאקס בראדפעלד, דער מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד אפיס אין ברוקלין. דער רעפארט איז פאר א משך פון זעקס וואכען, און ער דערצעהלט וועגען דער יוניאן-טעטיגקייט אין די ברוקלינער שעפער. דעם רעפארט וועלען מיר איבערגעבען אין קומענדיגען נומער „גערעכטיגקייט".

אן אויפרוף

מיר, די אונטערגעשריבענע, כאטש מיר זיינען צוטיילט אין אונזערע אידעאלען און אנשויאונגען סיי אויפ'ן אידישען, סיי אויפ'ן אלגעמיינעם לעבען, געפינען דאך אז ס'איז אונזער פליכט ארויסצוקומען מיט אונזער פאראייניגטען אויפרוף צו די אידען פון אמעריקא וועגען געצייג-קעמפיין פאר די אידישע ארבייטער אין ארץ ישראל.

ווי פארשיידען עס זיינען ניט אונזערע מיינונגען וועגען דער צוקונפט פונ'ם אידישען פאלק, האבען מיר דאך איינגעזעהן אז די אידישע ארבייטער אין ארץ-ישראל טוען איינע פון די וואונדערבארסטע ארבייטען מיט דעם וואס זיי גרינדען קאאפעראטיווען אין אלע ווינקעלאך פונ'ם לאנד און אויך מיט זייער איבערגעבענקייט צו דער ארבייט וואס זיי טוען.

א מערקווירדיגער אידעאליזם און זעלבסט-אויפאפפערונג פיהלט זיך אין אלע ארבייטער-אונטערנעהמונגען פון ארץ ישראל. ס'איז גענוג פארצושטעלען זיך דאס בילד ווי א גרופע אידישע ארבייטער באזעצט זיך אויף א וויסט, שטיינערדיג פלאץ, ווייט פון א ישוב און מיט שטוינענדיגער ענערגיע און מיט ברידערליכער באציהונג איינער צום אנדערען באארבייטען זיי דארטען דעם בארדען, אפפערענדיג מיט אלע עלעמענטארע מענשליכע באקוועמליכקייטען.

דאס איז דער ריינסטער, שעהנסטער אידעאליזם. זייער עקשנות איז צום באוואונדערען. ניט קוקענדיג אויף די שווערע באדינגונגען אונטער וועלכע זיי קומט אוים צו לעבען; ניט קוקענדיג אויף דער אנגעשטרענגטער ארבייט, זיינען זיי דאך שטענדיג פרעהליך, יוגענטליך און אינטערעסאנט. זיי זיינען פון די געצעהלטע אויסערוועהלטע ארבייטער וואס ארבייטען מיט פרייד. פאר זיי איז די ארבייט ניט קיין לאסט, נאר א גליק, ווארים זיי ארבייטען מיט אן אידעאל אין די הערצער, ווארים די ארבייט איז דער צ י ל און דער צ וו ע ק אין זייער לעבען.

מיר פיהלען נאך מעהר, אז ס'איז אונזער פליכט איצט ארויסצוקומען מיט דעם רוף, נעהמענדיג אין אנבאטראכט די גרויסע צאהל איינוואנדערער וואס קומען אריין אין ארץ ישראל יעדע וואך. דאס פראבלעם פון אויסוואנדערונג איז איצט דאס שארפסטע אין אידישען לעבען. פון אלע לענדער פון מזרח אייראפא וואו די שווערד פון דער מלחמה האט געטאן איהר גרויזאמע פארניכטענדע ארבייט און וואו דאס אידישע פאלק איז פארטרונקען געווארען פון א בלוטיגער כוואליע, פון אט די אלע לענדער האט זיך אנגעפאנגען א שטראם פון עמיגראציע. הונדערטער טויזענטער אידען זיינען גרייט אויסצוואנדערען, ווייל זיי זיינען געטריבען פון הונגער, עפידעמיעס און פאגראמען.

און טויזענטער פון זיי קומען קיין ארץ ישראל. זיי קענען דארטען פארבלייבען, ווייל דאס לאנד בויט זיך און ארבייטער זיינען נויטיג. די אלע, וואס קומען אריבער, נעהמען אין די טריט פון די פריהערינגע אידישע ארבייטער און נעהמען זיך פאר קאאפעראטיווער ארבייט. זיי ארגאניזירען זיך אין לאנדווירטשאפטליכע ארטעלען און אויך אין פארשיידענע פאך קאאפעראטיווען. זיי ווערען זייערע אייגענע באלעבאטים און לעבען דאס ריינע אידעאליסטישע לעבען פון אלע אידישע ארבייטער.

אבער צו די אלע קבוצות און קאאפעראטיווען דארפען די אידישע ארבייטער האבען אייגען געצייג און אנדער-מאשינען. די ענגלישע רעגירונג האט זיי אפגעגעבען אלע עפענטליכע ארבייטען אין לאנד ווי פלאסטערען שאסייען, איינפיהרען עלעקטריק א. אז. וו., אויך דורכפיהרען דעם פלאן פון אינזשיניר רוטענבערג צו באוואסערען און עלעקטריפיצירען דאס גאנצע לאנד ווערט איבערגעגעבען די אידישע ארבייטער און די טויזענטער וואס קומען אריין אין לאנד און אויך די, וועלכע זיינען פון פריהער דארטען, קענען האבען גוטע באשעפטיגונג, ווען זיי וועלען זיין פארזארגט מיט'ן נויטיגען געצייג.

און מיר ווענדען זיך דערפאר מיט אונזער רוף צו אלע אידען פון אמעריקא, אהן אונטערשייד פון פארטיי, אנשויאונג און שאטירונג, זיי זאלען העלפען דעם געצייג-קעמפיין פאר די אידישע ארבייטער אין ארץ ישראל.

דער געדאנק אליין, אז דאס איז א קעמפיין ניט פאר קיין ברויט און קליידער, נאר פאר געצייג אום צו געבען טויזענטע אידישע יונגעלייט די מעגליכקייט צו ארבייטען און לעבען זעלבסטשטענדיג, אט דער געדאנק אליין דארף אויפריהרען אלע אידישע הערצער. געצייג פאר יונגע אידען צו ארבייטען, דאס איז דער רוף צו אייך, אידען פון אמעריקא.

די אידישע ארבייטער פון ארץ-ישראל שטרעקען צו אייך זייערע הענט און מאנען ניט קיין ברויט, נאר געצייג, זיי זאלען מיט אט די הענט זייערע קענען שווער ארבייטען און קיינער טאר זיי ניט צוריקשטויסען.

די אידישע ארבייטער פון ארץ ישראל האבען באוויזען, אז זיי האבען ליב די ארבייט זייערע און אין איצטיגען מאמענט, ווען זיי נויטיגען זיך אין מאשינען, אין העק, רידעלס און אנדערע געצייג, איז עס דער הייליגער חוב פון יעדען אידען צו העלפען זיי באקומען דאס געצייג אום זיי זאלען ווייטער קענען פארטזעצען זייער ארבייט מיט דער זעלבער פרייד און מיט דער זעלבער באגייסטערונג.

איש כישור, סעקרעטער פון
ארדען בני ציון.
יוסף בראנדעס.
מ. ל. בראון, סעקר. פון איד.
נאצ. ארב. פארבאנד.
ל. גוסקין, טשערמאן פון די
פאר. אידישע געוו., ניו יארק.
דר. ה. זאלאטאראף.
דר. ח. זשיטלאווסקי.
עליאס ליבערמאן.
אברהם ליעסין.
לואי ליפסק, סעקרעטער פון דער
ציונ. ארג. אין אמעריקא.
דר. שמריהו לעווין.
דר. נחמן סירקין.
מאקס פיין, סעקר. פון די פאר.
איד. געווערק., ניו יארק.
דוד פינסקי.
ב. צוקערמאן, מענעדזשער פון
דער פיפעלס רעליף.
מאקס צוקערמאן, סעקרעטער
קעפ מייקערס יוניאן.
אלעקס קאהן, טשערמאן פון
פיפעלס רעליף.
הלל ראגאף.
פיטער שווייצער.
יוסף שלאסבערג, סעקרעטער פון
די אמאלגאמייטעד.

נ. ב. געלד און געצייג זאלען געשיקט ווערען אויפ'ן פאלגענדען אדרעס:

Palestine Tools Committee,
153 E. Broadway, N. Y.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square. New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III. No. 14. — Friday, April 1, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

די וואך

פון מאַקס ד. דעניש.

דער סטרייק פון די לערער אין כינאַ.

לעצטע וואך האָט אין פּעקין, כינאַ, זיך אנגעהויבען א סטרייק פון די לעהרער אין רעגירונגס־שולען. די אורזאך איז געווען א ריין עקאָנאָמישע: די לעהרער האָבען געפאָדערט פון דער רעגירונג „בעק פעי" פאַר פיער מאָנאַטען. איצט האָט זיך אבער דער סטרייק צוואוואקסען און האָט אנגענומען א נאציאָנאַלען און א פּאָליטישען כאראַקטער. די סטריי־קערס פאָדערען איצט, אז די רעגירונג זאָל באַשטימען א געוויסען בודזשעט פאַר בילדונגס־צוועקען. אין דעם סטרייק באַטייליגען זיך איצט סטודענטען אזוי גוט ווי לעהרער.

דאס איז ניט דער ערשטער סטרייק פון דעם סאָרט אין כינאַ. ווי די פרי־הערדיגע, צייכענט זיך דער איצטיגער סטרייק אויס מיט זיין פּאָליטישען כאַ־ראַקטער. דאס איז א קאַמף צווישען די ליבעראַלע און מיליטאַריסטישע עלע־מענטען פון לאנד; צווישען די אנהענ־גער פון מאָדערנער בילדונג, אייראָפּעי־אישער ציוויליזאציע און דער אלטער אזיאַטיש ־ מיליטאַריסטישער בילדונגס־סיסטעם. די לעהרער האָבען דעם קאַמף אוועקגעשטעלט אויף אָט דעם באָדען: פּראָגרעסיווע בילדונג אָדער מיליטאַריס־טישע.

ווי אין רוסלאנד אַמאָל שפּילען די סטודענטען א וויכטיגע ראָלע אין דער פרייהייטס־באַוועגונג פון לאנד. זייער איצטיגער קאַמף פאַר א פּראָגרעסיווער בילדונגס־סיסטעם איז דער רעזולטאַט פון א 50־יאָהריגען קאַמף פאַר פרייהייט און פּראָגרעס, און דעריבער ציהט דער לעהרער־סטרייק אין כינאַ די אויפמערק־זאַמקייט פון דער ציוויליזירטער וועלט אלס א סימפּטאָם פון א ברייטערען, טי־פערען רעוואָלוציאָנערען שטרייט אין דער „הימעלישער אימפּעריע".

דער סעטעלמענט אין דער פלייש־אינדוסטריע.

די קאָנפערענץ צווישען די פלייש־מאַגנאַטען און די ארבייטער, וואס איז פאָרגעקומען לעצטע וואך לויט דער אי־ניציאַטיווע פון סעקרעטערי דייוויס און מיט דער מיטווירקונג פון סעקרעטערי הואווער און וואלים, האָט זיך געענדיגט מיט א ציייטווייליגען סעטעלמענט.

די פונקטען פון דעם סעטעלמענט זיינען די פאָלגענדע: 1) די שכירות ווערען פאַרקלענערט אויף 8 פּראָצענט פאַר די וואך־ארבייטער און אויף 12½ פאַר די שטיק־ארבייטער. 2) דער אכט־שטונדיגער ארבייטס־טאָג און די אָווער־טיים רעיטס פאַרבלייבען ווי געווען. 3) די סיסטעם פון ארביטריישאָן און קאָ־לעקטיווער פאַרהאנדלונג פאַרבלייבט אין קראַפט, און ריכטער אלשולער, דער איצטיגער הויפּט־ארביטרייטאָר און אד־מיניסטראַטאָר, פאַרבלייבט אויף זיין פּאָסטען.

אויסער די שכירות־פאַרקלענערונג האָבען, הייסט עס, די ארבייטער באַקו־מען אלעס וואס זיי האָבען געפאָדערט.

פון באַזונדערער וויכטיגקייט איז דער פאַקט, אז דער 8־שטונדיגער אר־בייטס־טאָג וועט פאַרבלייבען אין דער פלייש־אינדוסטריע. אויך איז עס גאַנץ וויכטיג, אז די ארביטריישאָן און קאָלעק־טיווע־פאַרהאנדלונג מאַשינערי וועט בלייבען אין קראַפט.

די יוניאָנס זיינען געווען ענטשלאָ־סען צו פאַרטיידיגען זייערע רעכט דורך א גענעראַל סטרייק, און די פלייש מאַג־נאַטען האָבען עס געוואוסט. דעריבער זיינען זיי איינגעגאַנגען אויף דער פּשרה.

ווידער אַן אוקאַז געגען פּיקעטען.

נאָך דעם אוקאַז פון ריכטער וועג־סיקלען, אז פּיקעטען איז פאַרבאָטען, איז געקומען א גאַנצער מבול פון אינ־דזשאָנקשאָנס און פאַרבאָטען צו פּיקע־טען. איינע אינדזשאָנקשאַנס זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען געגען אונזער אינטערנעשאָנאַל פון ריכטער ניובורגער. ארויסגעבענדיג דעם אורטייל אין דעם פלאָרשאַמער פּראָצעס, האָט דער ריכטער ערקלערט, אז ס'איז קלאָר, דאס דער סטרייק איז ניט אנגעפיהרט געוואָ־רען מיט'ן צוועק צו פאַרבעסערען די אר־בייטס־באַדינגונגען, נאָר אויס מורא, אז די האַנדלונג פון דער פירמע וועט שטע־לען אין געפאַהר די סיסטעם פון קאָלעק־טיווער פאַרהאַנדלונג. דער ריכטער האָט געצייכענט א ליניע, וואס באַגרענעצט די רעכט פון די ארבייטער צו אָרגאַניזירען זיך. זיי מעגען זיך אָרגאַניזירען, אבער זיי טאָרען ניט „שטערען" אנדערע, ד. ה. די בעלי הבתים. לויט דער מיינונג פון דעם געלעהרענטען ריכטער, איז עס אומ־מעגליך אנצופיהרען א סטרייק „צו פאַר־היטען א פאַרקלענערונג פון שכירות און אנצוהאַלטען די עקזיסטירענדע באַדי־גונגען אין באַצוג צו שטונדען און סאַני־טאַרע באַדינגונגען דורך אנהאַלטען פון דער איצטיגער סיסטעם פון קאָלעקטי־ווער פאַרהאַנדלונג צווישען די ארבייטער און ארבייטסגעבער". אזא סטרייק, הייסט עס, האָט די יוניאָן קיין רעכט ניט אנצופיהרען, ווייל ער ברייננט שאָדען צום צווייטען צד.

די לאָגיק פון אָט דעם ארגומענט איז אזוי שטוינענד, אז דער מענשליכער מח קאָן זי ניט באַגרייפען. אויב די יוניאָנס האָבען א רעכט צו עקזיסטירען, דאַן צו וואס טויג זיי זייער עקזיסטענץ, אויב זיי זיינען געבונדען הענט און פיס און קאָנען זיך ניט א ריהר טאָן? און אויב ווידער זיי טאָרען גאָרנישט ניט טאָן אלס יוניאָנס, דאַן איז צו וואס די לעכערליכע ערקלערונג, אז ארבייטער האָבען א רעכט צו זיין אָרגאַניזירט אין יוניאָנס?

די דאָזיגע ענטשיידונג, אזוי גוט ווי די איבעריגע אזעלכע אוקאַזען, וועלען אפּעלירט ווערען צו די העכערע געריכ־טען, און די אָרגאַניזירטע ארבייטער וועלען נאָכפאָלגען די ענטשיידונגען מיט גוואַלדיגען אינטערעס. עס האַנדעלט זיך וועגען דער סאַמע עקזיסטענץ פון די ארבייטער און... די ארבייטער ווייסען דאס.

גאָווערנאָר קילבי אלס ארביטרייטאָר.

די מיינערס אין אלאבאַמא האָבען אין פאַרלויף פון מעהר ווי א יאָהר אנ־געפיהרט א ביטערען קאַמף געגען זייערע ארבייטס־געבער. דער סטרייק אין יע־נעם געגענט האָט אנגעהאַלטען מאָנאַטען לאַנג, און די „יונייטעד מאַין וואָר־קערס" האָבען פאַרשוועדעט גרויסע סו־מען געלד אין דעם דאָזיגען פאַרביטער־טען קאַמף.

מיט א פּאָר חדשים צוריק האָבען ביידע צדדים איינגעשטימט איבערצוגע־בען דעם גאַנצען סכסוך צו ארביטריי־שאָן, און צו זייער אומגליק האָבען די ארבייטער איינגעשטימט, אז גאָווערנאָר קילבי פון אלאבאַמא זאָל זיין דער אר־ביטרייטאָר.

אויב דער גאָווערנאָר האָט ביז אהער נאָך געקאָנט זיך באַריהמען מיט זיין אומפּאַרטייאישקייט, מיט זיין געפיהל פון יושר, קאָן ער עס שוין איצט ניט טאָן, ווייל מיט זיין ענטשיידונג האָט ער זיך אָפען און אומפאַרשעמט אוועק־געשטעלט אויף דער זייט פון די קוילען־מאַגנאַטען. דער גאָווערנאָר האָט באַ־שלאָסען, אז ערשטענס, האָבען די אר־בייטער קיין רעכט ניט געהאַט צו רופען דעם סטרייק; צווייטענס, זיינען די קאָמפּאַניס ניט מחויב צו אנערקענען די יוניאָן; דריטענס, קאָן מען זי ניט צווינגען צוריק צו נעהמען די סטריי־קערס, און ארום און ארום זיינען די קויל־מאַגנאַטען געווען גערעכט און האָ־בען געהאַנדעלט אזוי, אז מען דאַרף גאָר בעסער ניט. אלע איבלען, אלע שרייענ־דע אומגערעכטיגקייטען, געגען וועלכע די ארבייטער האָבען אזוי ביטער געקעמפט, ווערען פון גאָווערנאָר קילבי רעכטפער־טיגט און גוטגעהייסען. די סיסטעם פון טאָג־ארבייט, די סאַב־קאָנטראַקטאָר סיסטעם פאַרבלייבען ווי געווען, און די קאָמפּאַניעס האָבען א רעכט צו „פאַר־האַנדלען" מיט איינצעלנע ארבייטער און שליסען מיט זיי „פרייע קאָנטראַקטען".

אויך מעגען די קאָמפּאַניעס אנהאַל־טען זייערע „קאָמפּאַני סטאָרס", קראָמען פון לעבענס־מיטלען, ווייל די ארבייטער זיינען געצוואונגען צו קויפען זייער שפּייז און קליידער און צאָהלען וואס מען הייסט זיי.

מיר ווייסען ניט, צו גאָווערנאָר קיל־בי וועט ווידער אמאָל נאָמינירט און ער־וועהלט ווערען. מעגליך יאָ. וואָרשיינ־ליך יאָ. ביידע פּאַרטייען וועלען מסתמא איהם שטיצען פאַר זיין גרויסען אויפטו אלס ארביטרייטאָר. אבער איין זאַך איז זיכער,—אזא ארביטריישאָן ארביטרירט נאָר ניט און דער קאַמף אין די אלאבאַמא קויל־פעלדער האָט זיך ניט געענדיגט מיט דער ענטשיידונג פון גאָווערנאָר קילבי. מען קאָן ניט פאַרניכטען א יוניאָן, מען קאָן ניט פאַרשקלאַפען טויזענדער אר־בייטער דורך א „טריק" פון ארביטריי־שאָן.

שפּיאָנען אויף די אייזענבאַהנען.

גענעראַל אטערבערי, דער טשערמאַן פון די אייזענבאַהן־פּאַרוואַלטער, האָט לעצטע וואך צוגעגעבען, אז פאַר דער מלחמה האָט די פּענסילווייניא רעילראָוד אנגעהאַלטען א סיסטעם פון שפּיאָנאַזש און האָט אין פאַרשיידענע „סטראַטעגי־שע" פּונקטען געהאַט אַרסענאַלען מיט ביקסען און רעוואָלווערען. די דאָזיגע ערקלערונג האָט ער געמאַכט אויף א פאַרהער, וואו עס זיינען פאַרהאַנדעלט געוואָרען די איצטערדיגע סכסוכים אין דער אייזענבאַהן אינדוסטריע.

עס איז באַוויזען געוואָרען, אז פאַר דער מלחמה האָט די פּענסילווייניא רייל־ראָוד אליין אויסגעגעבען א מיליאָן דאָ־לאַר א יאָהר אויף שפּיאָנען און באַוואָ־פענונגען. דער עולם ווייסט שוין איצט פאַרוואָס די אייזענבאַהנען מוזען געבעך פאַרקלענערען די שכירות פון די ארביי־טער: שפּיאָנען זיינען א טייערער ביז־נעס, און געוויס זיינען זיי נויטיג צו מאַכען „דאס טייערע פּובליקום" באַקוועמער. די אייזענבאַהן אינדוסטריע איז פאָלשטענדיג מאָדערן. זי איז ניט אָפּ־געשטאַנען פון אנדערע אינדוסטריען אין אונזער מדינה, וואו דער אינדוסטריעלער שפּיאָן איז דער רוקען־ביין פון דער האַר־מאָניע צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט.

עלעקשאָן און אינסטאַליישאָן אין דעם פּרעסערס לאָקאַל 60

די עלעקשאָנס אין אונזער לאָקאַל האָבען פאַראינטערעסירט און צוגעצויגען די גרויסע מעמבערשיפּ און די עלעק־שאָנס זיינען געווען זעהר לעבעדיג. א גרויסע צאָהל מעמבערס האָבען זיך באַטייליגט אין די עלעקשאָנס. פאָלגענ־דע פּערזאָנען זיינען ערוועהלט געוואָרען: פאַר מענעדזשער י. וואַסילעווסקי, פאַר עקזעקוטיוו באָארד מעמבערס: ה. באַק־מאַן, א. פורער, י. גאָלדסטיין, מ. גאָלד־סטיין, ל. דזשעספּער, י. קאַמינסקי, מ. קאַפּמאַן, ס. קאַטץ, ס. לאַקס, נ. פּוירל, ד. פּרעס, ל. רייף, א. סטעפּמינאָף, מ. וויינבערג און א. ווייסמאַן.

דיענסטאָג, דעם 22טען מאַרטש, איז ביי אונז פאָרגעקומען אינסטאַליישאָן. סעקרעטערי באַראָף האָט אינסטאַלירט אונזערע באַאמטע, האַלטענדיג ביי דער געלעגענהייט א גלענצענדע רעדע. ער האָט אונז דערציילט פון די אלטע צייטען, ווען די יוניאַנס זיינען נאָך געווען קליין און שוואַך. ער האָט דערצעהלט, ווי די ברידערליכקייט און איינינקייט פון דער קליינער צאָהל מעמבערס, וועלכע האָבען דאַן צוזאַמענגעשטעלט די יוני־אָנס, האָט געבראַכט דערצו, אז אונזערע יוניאַנס זאָלען ווערען שטאַרק און מעכ־טיג, און האָבען א געוואַלדיגען איינפלוס אין דער אינדוסטריע. ער פאָדערט דאַן אויף די ערוועהלטע אָפיסערס פון דעם ניי־געגרינדעטען לאָקאַל ניט צו זשאַלע־ווען קיין ענערגיע אום אויפצובויען דעם לאָקאַל.

ברודער האַראָוויץ, מענעדזשער פון אַסאָסיאיישאָן דעפּאַרטמענט, באַגריסט דעם נייעם עקזעקוטיוו באָארד, אנצוי־גענדיג, אז נאָך דעם ווי מיר האָבען גע־פייט 6 יאָהר צייט צו קריגען א לאָקאַל, צו וואס מיר זיינען געווען אבסאָלוט בא־רעכטיגט, דאַרפען מיר יעצט קאָנצענט־רירען אלע אונזערע כחות אויף אָפּצושא־פען אלע איבלען, וועלכע עקזיסטירען אין אונזער טרייד.

נאָך ברודער האַראָוויץ ווערט דער עקזעקוטיוו באָארד באַגריסט פון ברודער מאַקס שעכטער, וועלכער איז געווען דער טשערמאַן פון פּרעסער בראַנטש פאַר א לאַנגער צייט.

ברודער לואיס קאָהן, וועלכער האָט אונערמידליך געאַרבייט פאַר א באַזונ־דער לאָקאַל, און וועלכער האָט צוליעב געוויסע אורזאַכען ניט געקענט אריין אין דעם נייעם עקזעקוטיוו באָארד, האָט גע־האַלטען אן אויסגעצייכענטע באַגריסונגס רעדע. ער האָט אויפגעפאָדערט די עק־זעקוטיוו באָארד אנצוגעהן ווייטער מיט דער ארבייט און אויפבויען א שיינעם לאָקאַל.

דער עקזעקוטיוו באָארד ווערט אויך באַגריסט פון די ברידער בעלסקי, סיל־ווערבוירג, לאָוו. אלע ווינשען דעם ניי־עם לאָקאַל סוקסעס, און פאָדערען אויף די עקזעקוטיווע, אז זי זאָל ניט זשאַלע־ווען קיין כחות אויף אויפבויען דעם לאָ־קאַל.

גלייך נאָך די באַגריסונגס־רעדען ווערט ערוועהלט א רולס און רעגוליישאָנס קאָמיטע, באַשטעהענד פון די ברידער: מ. גאָלדשטיין, א. סטעפּאַנאָף, א. קאַפּ־מאַן, ל. דזשעספּער, ה. באַרמאַן. עס ווערען אויך ערוועהלט די פאָלגענדע מעמ־בערס צו דער דזשוינט באָארד: מאַקס וויינבערג, אב. פורער, ה. באַרמאַן, ל. דזשעספּער און מ. גאָלדשטיין.

צו אונזער צווייטען מיטינג פון דער עקזעקוטיווע, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען מאָנטאָג, דעם 28טען מאַרטש, האָט נאָך די רעקאָמענדיישאָנס פון דער רולס און רעגוליישאָנס קאָמיטע ערוועהלט געוואָרען די פאָלגענדע קאָמיטעס: פאַר טשערמאַן פאַר די ערשטע פיער וואָכען בר. ה. באַרמאַן; פאַר רעקאָרדינג סעק־רעטער בר. לואיס דזשעספּער; פאַר פינאַנס און אָפיס קאָמיטע די ברידער מאַקס גאָלדשטיין, א. קאַפּמאַן און י. קא־מינסקי. פאַר גריוואַנס באָארד: מ. וויינבערג, ס. קאַץ, א. ווייסמאַן, נ. פּוירש און ל. רייף. פאַר מעמבערשיפּ קאָמיטע: א. סטעפּאַנאָוו, מ. וויינבערג, א. ווייס־מאַן, ס. קאַץ, נ. פּוירל. די רולס און רעגוליישאָנס קאָמיטע ווערט אינסטראַק־טעד, אז זי זאָל זעהן אריינברייננגען א פולען רעפּאָרט צום נעקסטען מיטינג פון דער עקזעקוטיווע.

ל. דזשעספּער, רעק. סעק.

רעפּאָרט פון דער עקז. באָארד פון דרעסמאַכער יוניאָן, לאָקאַל 22

א מיטינג פון דער עקז. באָארד פון דרעסמאַכערס יוניאָן לאָקאַל 2 איז אָפּ־געהאַלטען געוואָרען דינסטאָג מאַרטש דעם 22טען אין רענד סקול, 7 איסט 15 סט., מיט ברודער ווייסגלעס אלס טשערמאַן.

דער פּראָטאָקאָל פון לעצטען מיטינג ווערט פאַרגעלעזען און גוט־געהייסען.

דער סעק. לעזט פאָר צושריפטען. א צושריפט פון דער גריוועגס באָארד פון לאָקאַל 22, וועגען ברודער מאָריס שאַפּירא, זייענדיג טשערמאַן פון דער „ניו וועלל דרעס קאָמפּאַני" האָט ער ניט ארויפגע־לאָזען ברודער ווייסגלעס'ען צו דער אר־בייט. די גריוועגס באָרד רעקאָמענדירט צו דער עקז. באָארד דאָס פאַר דער האַנד־לונג זאָל פון איהם צוגענומען ווערען דאָס רעכט צו זיין טשערמאַן אין וועלכען עס איז שאָפּ. די רעקאָמענדיישאָן ווערט גוט־געהייסען.

א צושריפט פון דער „דערוויילליגע נאַ־ציאָנאַלע ארבייטער עדיוקיישאָנאַל ביוראָ" וואו עס ווערט פאַרלאַנגט אז אונזער יו־ניאָן זאָל שיקען א דעלעגאַציע צו זייער עדיוקיישאָנאַל קאָנפערענץ און דינער, וואס וועט אָפּגעהאַלטען ווערען דעם 2טען אַפּריל. עס ווערט באַשלאָסען דאָס אי־בערצוגעבען צו דער עדיוקיישאָנאַל קאָ־מיטע.

ברודער טשאַרלס דזשייקאָבסאָן, סעק. פון דער „טרייד יוניאָן אימיגריישאָן ביו־ראָ" האָט צוגעשיקט א רעפּאָרט וועגען דעם פערטעל־יאָהריגער טעטיגקייט פון די־זער ביוראָ. דער רעפּאָרט ווערט גלעזען און גוט־געהייסען. און די עקז. פאַרפּליכ־טעט זיך אויך צו אונטערשטיצען און גע־בען יעדע מעגליכע הילפע צו דיזער אינ־סטיטושאָן.

די „קאָמיטע פון דריי", וואס איז עלעקטעט געוואָרען ביים לעצטען מיטינג פון דער עקז. באָארד, צו מיטען מיט די מענעדזשערס פון אונזער יוניאָן, וועגען דער געפאַהר, וואס האָט יעצט אָנגעגריפען אונזער אָרגאַניזאַציאָן מצד דער אימיגראַ־ציע, באַריכטעט, אז זי האָט געמיטעט מיט ברודער זינגמאַן'ען, דזשענעראַל מענעד־זשער פון דזשאָינט באָארד און איהם אנ־געצייגט אויף דיזער געפאַהר. די קאָמי־טע וועט ווייטער אויסאַרבייטען פּלענער וועגען דער סיטואַציע, און וועט אריינברייננגען א פולען רעפּאָרט צום נעקסטען מיטינג.

די קאָמיטע פון דריי, וועגען דער אנ־געלעגענהייט פון לאָקאַל 25 און לאָקאַל 22, גיט אָפּ א באַריכט, אז שבת דעם 19טען מאַרש האָבען זיי געהאַט א קאָנ־פערענץ אין אָפיס פון דער אינטערנעשאָ־נאַל וואו עס איז געווען אנוועזענד אוי־סער דער קאָמיטע אויך ברודער באַראָף, פּרעזידענט שלעזינגער און וויס־פּרעזי־דענט זיידמאַן, און עס איז גאַנץ גענוי אַרומגערעדט געוואָרען דער צושטאַנד.

די קאָמיטע האָט אויף יענעם מיטינג באַוויזען, אז עס איז אן אבסאָלוט אוממ־עגליכקייט פאַר לאָקאַל 22 [illegible] מיט קאָנסטרוקטיווע ארבייט פאַר די דרעסמאַכער אזוי לאַנג ווי לאָקאַל 25 וועט אנהאַלטען אזא פאַלשע שטעלונג צו לאָ־קאַל 22.

דיזע פראַגע איז אלזייטיג אַרומגע־רעדט געוואָרען פון אלעמען ביים קאָנפע־רענץ און עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אויפ'ן ראַט פון פּרעזידענט שלעזינגער, די גאַנצע אנגעלעגענהייט איבערצוגעבען אין די הענט פון דעם דזשאָינט באָארד, אז ער זאָל וועגען דעם האַנדלען וואס אַמ־שנעלסטען.

דיזער באַריכט פון דער קאָמיטע ווערט דיסקוסירט ביי דעם עקז. באָארד, אין וועלכער עס האָבען אויך אנטייל גע־נומען ברודער באַראָף, זינגמאַן, זיידמאַן און ברודער בערלין, טשערמאַן פון דער דזש. באָארד. צום סוף ווערט דער ראַט פון פּרעזידענט שלעזינגער אנגענומען און די גאַנצע אַנגעלעגענהייט ווערט איבערגעגע־בען צו דעם דזשאָינט באָארד וועגען דעם צו האַנדלען.

ברודער ווייסגלעס ציהט די אויפ־מערקזאַמקייט פון דעם עקז. באָארד, אז די אַפּיל־קאָמיטע נויטיגט זיך אין נאָך צוויי מעמבערס. שוועסטער קאַפלער און ברודער בייקער ווערען ערוועהלט אין דער אַפּיל־קאָמיטע.

ס. סנדלר, סעק.

ווייטערע קוויטירונגען פון די סלאוס שעפער פאר די אמאלגאמייטעד סטרייקער

(פארזעצונג פון לעצטען נומער)

בענאפייר קלאוק ק.א. 23 א. 14טע סטריט — 44,34
פלאטצמאן, 142 וו. 24טע סטריט — 19.00
פ. קאהען, 61 וו. 14טע סטריט — 38,89
סיגעל און עלענקאפ, 110 וו. 14טע סטריט — 13,61
ציקערמאן און האפמאן, 152 וועסט 34טע סטריט —
34טע סטריט (באלאנס) — 3,58
י. צימערמאן, 39 וו. 32טע סטריט — 31,50
מאטהלער ברא., 30 וו. 20טע סט. 14,75
מאלס שייקאוויץ, 152 א. 23טע סט. 25,50
קאהן און פינקעלשטיין, 54 וועסט 36טע סטריט — 19,21
רוינבאו קלאוק קא. (באלאנס) — 5,54
סטריט — 29,86
גאלדבערג און רובין, 122 וו. 21טע
דושאנאף און שניידער, 20 א. 17טע סטריט — 51.00
ראממא און ראבינאוויץ, דאקאהא, נ. י. — 59,66
י. סטיין, 116 א. 110טע סט. — 10,00
גראממערסי קלאוק קא., 116 וו. 22טע סטריט — 33,84
ושורערמאן און שווארץ, 150 7טע עוועניו — 15,00
קארקעוויץ, 169 בליקער סטריט — 9,00
סטריט — 20.80
אמעריקאן קאוט קא., 28 וו. 27טע
ק. ר. ק. קלאוק קא., 48 וו. 27טע סטריט — 30,93
פרידלאנד און ראזענבערג, 15 וועסט 21טע סטריט — 44.60
וואסאר גארמענט קא., 38 וו. 21טע סטריט — 49,29
דוש, גוטענבערג, 158 וו. 20טע סט. 70,74
ב. און מ. מארקס, 12 וו. 18טע סט. 36,84
לאאורניק און אלף, 147 וו. 25טע סטריט — 30,00
י. קריסטאל, 56 וו. 13טע סטריט — 29,68
ל. א. מענדעלסאן, 14 א. 32טע סט. 36,00
חעניגסאן און ראבינאוויץ, 154 א. 23טע סטריט — 43,57
סמאל און פאגעל, 241 וו. 26טע סט. 35.93
העגרי וויינשטיין (אינדיווידואל) — 2.00
נייזמאן שיער (באלאנס) — 2,50
וואליו קלאוק קא. (באלאנס) — 8,16
ווינשטיין ברא., 30 וו. 21טע סט. 87,20
מאריס פאגעל, 140 וו. 26טע סטריט 110.83
ת. פ. בעלסינגער (באלאנס) — 2,00
דוש, העיט און סאנס, 136 מעדיסאן עוועניו — 237,40
מ. גאלדוואסער און סאן, 164 וו. 25טע סטריט — 44,30
פריוואנגל סקוירט קא., 211 וו. 20טע סטריט — 53,63
רעמינג קאאט און סוט קא., 159 וו. 21טע סטריט — 22.01
ווס. פישמאן (באלאנס) — 8.04
קאטצמאן און בלוידמאן, 185 6טע עוועניו — 62,22
פראנק פישמאן, 244 6טע עוועניו — 21,64
מיושואל סקוירט קא. (באלאנס) 6,30
ת. שקלאר, 55 וו. 16טע סטריט — 46,00
גלאזבערג און גרינבערג, 111 וו. 31טע סטריט — 30.57
אפ טו דייט מאנופעקטשורינג קא., 12 וו. 17טע סטריט — 48.46
ס. און ל. קלאוק קא., 55 וו. 17טע סטריט — 25,18
ליזווי און גודמאן, 26 וו. 17טע סט. 29,50
ארלאוו און וואלעוויץ, 26 וו. 17טע סטריט — 35,35
י. שארץ, 55 וו. 17טע סטריט — 55.65
מאדערן קלאוק קא., 33 וו. 17טע סטריט — 34,05
שיינהאוז און גאלדשטיין, 17 א. 12טע סטריט — 17.43
מייער שקלאמה (אינדיווידואל) — 3,00
ס. ר. ב. קלאוק קא., 15 א. 17טע סטריט — 63,05
מ. דוש. אשפיס, סעק. לאקאל 82 — 2,75
זינגער און גלאטמאן, 42 א. 12טע סטריט — 54,23
ליפשיץ און דושייקאבס, 28 וועסט 27טע סטריט — 73.00
מעסינג, 61 איסט 9טע סטריט — 17,83
ס. סמאל און סאן, 130 וו. 17טע סט. (באלאנס) — 3,00
אסקאל מארניק, 18 א. 16טע סטריט 39,90
מאלעין קלאוק, 58 וו. 15טע סטריט 19.71
וואקסמאן (2 קאטערס) — 4,50
דייוויד דייוויס, 48 וו. 21טע סטריט 54.30
דוש. ליוטנער, 49 וו. 45טע סט. — 22.16
דושייקאבס און דושייקאבס, 126 וו. 26טע סטריט — 47,68
לעא פרעדעריק, 36 א. 26טע סטריט 103.47
לעפקאוויץ און סיגעל, 246 וו. 18טע סטריט — 20,54
דושייקאב קינצלער (באלאנס) — 2,60
שאף און מאנדעל, 134 וו. 37טע סט. 123,50
ת. קלאוואנס און קא., 126 וו. 21טע סט. — 84,80
ת. קלאוועגס און קאהען, עמפלאי־יערס דאנאיישאן — 10,00
סאמועל נאדעל, 28 וו. 21טע סטריט 36,17

שמירער און דאנאוו, 150 וו. 22טע סטריט — 37.06
אמעריקאן סקוירט קא., 24 ווח 31טע סטריט — 19,90
לעמעל און קאטלער, 142 וו. 24טע סטריט — 63,22
ק. וו. ק., 5 א. 16טע סטריט — 24.00
בלום און הערמאן, 132 וו. 21טע סטריט — 57,83
גלאק און שלאק, 22 וו. 38טע סטריט 32.90
סאמועל רודין און קא., 154 וועסט 27טע סטריט — 70.65
ב. מייזעל, 134 וו. 37טע סטריט — 213.00
סטיין ברא., 24 וו. 30טע סטריט — 25,10
גרינהאלץ און גרינהאלץ, 12 וועסט 17טע סטריט — 30,67
סאן קלאוק קא., 116 איסט 14טע סטריט — 49,56
מארינאפי און יאנג, 30 וו. 31טע סטריט — 43,95

גערעכטיגקייט — קוויטירונגען — 3

ב. האראוויץ און סאן, 33 וו. 24טע סטריט — 33.43
ע. דוש. ווייל (פּהעסערס) — 10,00
א. און ס. ליזווי, 42 איסט 22טע סטריט — 72,00
ראבינאוויץ און פאגעלמאן, 129 וו. 2טע סטריט — 32,60
גאלדבערג און האנאוויץ, 35 איסט 13טע סטריט — 18,00
קלאץ און עפשטיין, 50 וו. 22טע סט. 11.00
דאלינגער און ליזווי, 21 א. 12טע סטריט — 38.56
ע. דיקמאן, 20 וו. 17טע סטריט — 75,65
לאפקין און בעלניק, 33 וו. 17טע סטריט — 56,00
פאבער און ראזבלום, 32 וו. 17טע סטריט — 48.06
נייזמאן און ראגאף, 17 וו. 17טע סט. 23,85
א. גערשעל און קא., 15 א. 26טע סטריט — 75,00
לארענץ, פרידמאן און שולהאף, 115 וו. 30טע סטריט — 101.00
מילשטיין און גראה, 319 7טע עוו. 78 80
לוידיס גארמענט מאנופעקטשורינג קא., 133 וו. 21טע סטריט — 19,13
זאקאוויץ און סיגעל, 138 7טע עוו. 23.16
ווס. דאווידאף, 302 5טע עוועניו — 93.51
שינדעלהיים און קא., 115 וו. 30טע סטריט — 93.00
ראזענשיין ברא., 11 א. 26טע סט. 110,00
ראזענבלום און לעווין, 150 וו. 22טע סטריט — 20,00
ראזענטהאל און גאדמ, 137 וו. 25טע סטריט — 32,06
ארבעיט און מאובער, 39 וו. 21טע סט. 3,36
ארבעטי און מאובער,.39 וועסט 21טע סטריט — 43.36
בריקמאן און קא., 150 וו. 22טע סט. 64.42
קירשנער און אלעקסאנדער, 122 וו. 26טע סטריט — 37.65
גויטהאן שוס, 136 מעדיסאן עווע. 12,50
בלאק און גאלדבערג, 128 וו. 26טע סטריט — 28,00
פעליקסבארד און פאסס, 77 א. 10טע סטריט — 30,92
מינץ און גראסמאן — $44,00
ליוטזינג קלאוק קא. — 35.27
עדווארד קאהען און סאן (באלאנס) 9.70
דאור און הבעטצין — 2,36
גרינבערג און גרינבערג — 59,50
סניידער און קא. — 26,85
דוי מארק דרעס קא. — 24,50
שאפירא און דייוויס — 91;18
ע. דוש. ווייל (באלאנס) — 26,00
סטאר מפג. קא. — 34.99
מ. ברויט — 39.47
וו. ענד סי. קלאוק קא. — 30,00
פרידמאן און גאלדועהער — 14,31
מעזערא קלאוק קא. — 15,39
קאהען און אגינסקי — 40,56
ת. קאהען און סאן — 21,00
לואיס בארנס — 20.00
ואלאטשראף — 1.00
ס. גאלדשטיין — 7,89
אנגארא ספעשיאלטי קא. — 89.80
רוינשטיין און ראזענטאל — 37,42
קאהען און סער — 20,00
גאלדשטיין און גאלד — 16,50
רעלייעבל סי. און עס. קא. — 50,07
דהי אוידיאל — 38,40
משאס, שיינמאן — 32,21
ניו קלאוק קא. — 46.75
דרוס און ראזענבערג — 16.00
קאמפארט קלאוק קא. — 21.35
ת. עהרליך — 24,18
ס. ק. גארמענט קא. — 35,36
גראבלעווסקי און פאל — 5,25
אדמירוישאן קלאוק קא. — 46.49
פאראדייז קלאוק קא. — 27,51
בלייבער און שוויצער — 13,25
פייער — 31,30
רויאל גארמענט קא. — 34.96
חשלעמאן און דעגישעווסקי — 16.31
וו. וואורם — 28,46
ל. לעיקען — 37,04
לא פעריזיען נאוועלטי קא. — 37,38
לע בלו און קארוש — 28,39

מאריס קארעל — 16,44
נאטהאנסאן און רובין — 25.48
לייבאוויץ און הערמאן — 29,84
גוטפילד — 18,00
וויינער, טעמפשין און וויינער — 35,90
גאלד און סילווערבלאט — 82,60
א. גרינבערג — 22.80
ספערבער און שולמאן — 37,35
עקסעלשיאר קלאוק קא. — 78,91
סטיין בראס. — 30,11
וו. און ג. קלאוק קא. — 36,62
פרידמאן און דאווידאוויץ — 49,66
נייטהען קלאוק קא. — 35,70
הארדינג קלאוק קא. — 31,88
א. און וו. קלאוק קא. — 25,63
לואיס בראכפילד — 23,37
ריוולין און שומאן — 41.70
ראווינסקי בראס. — 22,96
רובין און גארדאן — 45,35
עמפאריום קלאוק קא. — 12,00
ארענשטיין און מאסס — 36.30
נעלסאן און סיגעל — 22,25
גאלדבערג און ספיגעלגלאס — 23,70
דפ.מערשלאג — 21.75
דייטאן קלאוק קא. — 13,37
גראף און ראזענבלום — 16,35
לעווין און גינזבערג — 38.00
געלולא און קאהען — 74.75
בעטאון און פעלאסקא — 42,62
ע. און סי. קלאוק קא. — 18,47
ת. סמירנסקי — 41,35
לעווין און לייבמאן — 22,56
גודמאן און פינקעלשטיין — 29.32
קאהען בראס. — 34,09
מאנארק קלאוק און סוט קא. — 40,32
באשקין און גאט — 37,00
קראוס און ניומאן — 38,21
פעדעראל קלאוק קא. — 43.03
אלטמאן און קריימער — 41,32
סופריוז קלאוק קא. — 76,04
בלום בראס. און וויינבערג — 32,26
איבראמסאן און ראזענקראנץ — 49,51
דוש. קאהען — 22,00
ספרינגראנד און בערנשטיין — 45,05
פיפעלס קלאוק קא. — 43,91
סילווערשטיין און שולין — 35,25
שווארץ־וויענער — 27,94
אמעריקען קלאוק קא. — 51,23
סטראמף און קעסער — 38,50
לא ביעל קלאוק קא. — 40,24
קאהען און פריימאן — 47.26
גאלדשטיין און זאוערבאך — 31,54
א. און ס. קלאוק קא. — 15,50
דושאן וואלף — 55,55
דוש. בערנשטיין — 68.20
לאסטגארטען און בערגעסדארף — 32,75
לידינג קאוק און סוט קא. — 36,36
ד. ת. קלאוק קא. — 26.00
קאפלאן און גאלדשטיין — 36,00
אדנאוויץ און קאגאן — 42,00
קאהען און העלער — 21,98
וואסערמאן — 15,00
רעיך און ראמאן — 30,00
אבסגארטען — 27.00
שולין און מאטליק — 54,43
סילווערטער אלבערט — 34.30
לעיניק און האראוויץ — 32.15
פראנק ערקאלינא — 13,49
וועלל מייד קלאוק קא. — 24,09
וו. סאלאמאן — 48.67
ס. און ק. קלאוק קא. — 44,45
בען גערשעל (באלאנס) — 10,82
פרידמאן און סטאוט — 27,90
סטיינבערג און לינדען — 127,00
פראגרעסיוו קלאוק קא. — 40.58
פ. קאליקא — 68.47
קוירש און וויענער — 24.30
ס. פעליקסבארד — 38,00
סימאן, גודמאן און ליפשיץ — 108,10
גראסמאן און באומגארטען — 46,50
סופרים קלאוק קא. — 15.00
מארטימער קלאוק קא. — 30,74
ר. סאדאווסקי (באלנס) — 1,75
בארבאנעל דרעס קא. — 34,00
קיסקאל און צוק — 27,50
לאסטבערג און ליפשיץ — 57,00
דוש. מ. בראדי (קאטערס) — 10.00
דוש. ק. ל. מוירפי — 86,10
מילער און מאנדעל (אנעקס) — 28.23
א. ליזווי און קא. — 35,00
גאלדבערג און לעווין — 55,70
קאמין און קא. — 42,03
ס. שאפראן — 30,65
ר. און ק. — 15,54
אבערקראמבי און פיטש — 45.36
רעיף און גאלדשטיין — 2,12
סטאגער און בלום — 44,04
שניידער און שאפירא — 2.26
ס. לעהר — 62.00
אבלאנסקי — 17,38
זיינבערג און ליטענבערג — 34,67
סעם שאפער (אינדיווידואל) — 10,00
האניג און קאפלאן — 32,89
אראנסאן און סיגעל — 52,00
ריטעפים קלאוק און סוט קא. — 31.67
קלעפער און קאראסטאף — 87,13
ס. מ. שווארץ — 46.80
אייב בוקמאן (אינדיווידואל) — 2,50
ס. ע. ס. קלאוק קא. — 28,82
ברעגער און קאלווער — 19,20
ל. סטאר — 45,00
פרידמאן בראס. און לינדער — 25.04
ב. באומאן — 36,23
מאדערן סקוירט קא. — 22,75

ווסמאן און שולץ — 35.00
ב. ת. רובין — 66.76
רידזשענט קלאוק קא. — 43.64
קאניג און מאסס — 44.14
שווארץ בראס. — 94.21
מורעי און ווייסבערג — 55,40
ת. פינדער — 86,00
מילער און אלפערט — 34,85
לואיס ספיגעל — 31,02
פאגעל און ראזענקראנץ — 40,55
ל. ק. און ת. — 11,50
ס. פרידבערג און סאן — 18.95
סיגעל און קאפלאן — 25,50
סטיין בראס. (באלאנס) — 3,00
דראור און דרעטזין — 98,33
א. וואטערסאן — 24,22
איצקאוויץ בראס. — 38,44
בוירנבאך און שנאל — 23,59
קאהען און פישטעלבערג — 32,63
כמיר און פאלאוואי — 13,00
ליבמאן און קאנטער — 31.97
מאריס אראנסאן — 22,88
ריסקין בראס. — 44,58
ושאנסען און ראזען — דזש. און ר. סקוירט קא. — 23,08
בערנשטיין און סארקער — 55.82
הערשקאוויץ באלקעס און קא. — 13,56
ושאס. עקשטיין — 20.07
ווייסמאן און הארן — 22,70
גרעגער און שוואב — 53,95
קראוס און סטיינפיעלד — 37,16
קיסעל און צוק (באלאנס) — 4,00
מומשואל דרעס קא. — 18,30
מאורער און סינגער — 25,01
גארדאן (אינדיווידואל) — 2,00
מאזעסמאן (אינדיווידואל) — 2,00
שניידער און געלינס (באלאנס) — 2,00
א. פארקאס — 12.05
ליריא און קא. — 31,40
קאנטאר און שווארץ — 38,15
דזשייקאב קינצער (אדישאנאל) — 4.05
ווייסמאן, סאלטצבערג און לעווין (באלאנס) — 3.31
זשאזעף פריעד (באלאנס) — 14,00
שאף און מאנדעל (באלאנס) — 1,50
כמארקין און שענקין — 24,80
א. לאטצקין און קא. — 40,00
פ. מאסקאוויץ און סאנס — 44,00
מארקאוויץ און מאסקאוויץ — 38,79
הארי וואנדער, מענעדזשער לאק. 23 — 6,00
וועבסטער דרעס קא. — 27.00
קארפ און מעסלער (באלאנס) — 1,40
מ. שעכטער — 23,50
כיימאן און סיימאן — 33,07
אלי האררים (אינדיווידואל) — 2,00
י. לעווין, סעק. לאקאל 10 — 8.00
רובין און שאפירא (באלאנס) — 11,58
לואיס יאססער (אינדיווידואל) — 2,00
עסטראף און וואלק (באלאנס) — 13,25
מאקס ראוף — 28,13
מארקוס און בירענבאום (באלאנס) — 6,18
ווייסמאן — 26,50
קירוס ס. באראן — 34,34
דאנענבערג און קאנאוויץ — 32,08
צימערמאן בראס. — 31.00
העגרי ניומאן — 82,00
בילטוועל קלאוק קא. — 42.20
מייער האנסאן און קא. — 21,32
סאמועל אווידאן — 66.47
סעם גאלדבערג און קא. — 37,30
מאזשיק קלאוק קא. — 27,90
א. דייוויס און סאן (באלאנס) — 2,35
דריטץ און דובאלסקי — 32.97
רובין בראס. (באלאנס) — 7.10
פלאסטער און בלעאווער — 72.00
סטיינהאוז און גומבינער — 60,00
זוסמאן און שווארץ — 17.75
פאבריקאנט — 9,52
דראבמאן, באלל און גרין (אינדיוו.) 2,26
ר. און ג. דרעס קא. — 25,00
דזשענעראל קלאוק קא. — 35,00
ר. און ג. דרעס קא. (פירמע'ס דאנייטשאן) — 5.00
ל. לייחט — 53,75
סטייל — 27.57
גודקינד בראס. — 52,00
דעראוו און גאלדשטיין — 28,91
גאלדבערג און מאנין — 54,50
בארטנאי און פאללאק — 40,74
פעדעראל קלאוק קא. — 33,18
בערנשטיין און שולמאן — 23,91
העלער און פאגעל — 17.30
י. צימערמאן און קא. — 19,00
י. גרינבערג און ברא. (אינדיווידואל) 2.00
גרינבערג און מאבאשניק — 25,00
לובאוו, האנגער און קאהען — 53,60
א. גערשעל (באלאנס) — 14,00
דייוויס און מיראף — 38,95
געללער און סאן — 31,18
וועיטץ — 31,35
זייטעלמאן און ספרינגער — 41,50
סטיליש סטאוט קאוט האוז — 26.55
וו. דייוויס און סאן — 33.43
קארפ און אלפער (באלאנס) — 11.07
סאמועל שער — 26.86
ג. מ. בראדי — 11,40
גארדאן און גאלדבערג (באלאנס) — 9,85
מייער וועסעל — 83,00
קאהען און גליק — 22,99
גאלדבערג און פאגעל — 14.43

(ווייטערע קוויטירונגען קומט).

אין אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

צו וואס דארף די יוניאן דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט ?

יעדער אינסטיטוציע וואס פארנעמט זיך דורכצופיהרען עפעס א באשטימטע זאך ווערט גאנץ אפט אנאליזירט סיי פון די וואס סימפאטיזירען מיט איהר ביל און סיי פון די וואס זיינען געגען דעם. עס קומט אויך א צייט, ווען די פערזאנען, וואס זיינען דירעקט פארבונדען מיט דער אינסטיטוציע לייגען אויף א ווייל אוועק די ארבייט און ציהען אונטער א סך הכל פון זייערע אויפטוען, פון זייערע ערפאלגען און דורכפאלען.

איצט ווען דער לעהר סיזאן קומט צום ענד, וויל דער עדוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנײשאנאל אונטערציהען אזא סך הכל. די לאגע איז אן ערנסטע. די אינטערנײשאנאל האט אויסגעגעבען טויזענטער דאלער אויף בילדונגס-ארבייט. פיל ענערגיע איז פארשווענדט געווארען צו פארשפרייטען בילדונג צווישען די סטודענטען, צו צוציהען די ארבייטער צו די פארשיידענע אויפקלערונגס-און-בילדונגס טעטיגקייטען. האט דער עדוקיישאנאל דעפארטמענט דורכגעפיהרט זיין אויפגאבע ? איז זיין ארבייט געווען ערפאלגרייך ? איז ער צוגעקומען צו די ארבייטער ? האט ער די ארבייטער געמאכט צו באגרייפען, צו דערפיהלען די וויכטיגקייט פון בילדונג ? האט ער קלאר געמאכט דעם עצם פון טרייד יוניאניזם ? אין קורצען — וואס האט די אינטערנײשאנאל געקראגען פאר די אויסגעגעבענע געלטער ?

ס'איז ניט גרינג צו געבען אן ענטפער אויף די אלע פראגען. עס איז אוממעגליך צו מעסטען אויס'ן ארשין די אויפטוען אויף דעם געביט פון בילדונג, פון אויפקלערונג. אין דעם פאל פון א מאשין אדער אן ארבייטער קאן מען מעסטען זייער פראדוקטיוויטעט, זייער ארבייטזאמקייט דורך גענויע צעהלונגען און אויסרעכענונגען. מען קאן ניט מעסטען אויף אזא גענויעם אופן די ענטוויקלונג פון דעם מענשענס מוח, זיין גייסט, זיין נשמה. פון דער אנדערער זייט ווייסען מיר אבער, אז מען קאן באלד דערזעהן אדער דערפיהלען די רעזולטאטען פון בילדונג. צום ביישפיל, עס נעהמט יאהרען און יאהרען צו באשטימען די רעזולטאטען פון קינדער-ערציהונג. עס איז גאנץ לייכט אויסצוגעפינען צי דאס קינד האט זיך אויסגעלערנט לייענען אדער שרייבען, אבער עס נעהמט יאהרען אויסצוגעפינען צי די עלטערען און די לעהרער האבען ווי געהעריג אויסגעקנאטען דעם כאראקטער פון קינד. דאס קאן מען אויסגעפינען ערשט דאן ווען די קינדער ווערען ערוואקסענע מענשען. דאן זעהט מען פון זייערע האנדלונגען די רעזולטאטען פון זייער בילדונג און ערציהונג.

איצט לאמיר זיך אומקערען צו אונזער עדוקיישאנאל דעפארטמענט. קאנקרעט גערעדט, וואס האט ער אויפגעטאן ד י ר ע ק ט פאר דער ארגאניזאציע ?

ווען מען אונטערזוכט די קורסען, וואס זיינען געגעבען געווארען, זעהט מען, אז אין די יוניטי סענטערס און אין דעם ארבייטער-אוניווערסיטעט איז דער גרעסטער געוויכט געלייגט געווארען אויף אונטערריכט, וואס זאל מאכען די מעמבערס צו באגרייפען די אל-וויכטיגע ווערט פון טרייד-יוניאן ארגאניזאציע. כמעט אין יעדען יוניטי סענטער באזוכען אלע סטודענטען, אם ווייניגסטענס איין מאל א וואך א קלאס איבער דער טעאריע אדער געשיכטע פון טרייד-יוניאניזם.

אין די דאזיגע קורסען ווערט גענוי באהאנדעלט די געשיכטע פון דער טרייד-יוניאן באוועגונג אין ענגלאנד און אין אמעריקא, אזוי גוט ווי אין די וועניגער וויכטיגע אינדוסטריעלע לענדער. זיי גיבען די סטודענטען א קלארען באגריף וועגען די באדערפנישען פון דעם ארבייטער קלאס און וועגען די רעזולטאטען פון ארגאניזאציע. באזונדער געוויכט ווערט אבער געלייגט אויף די היינט צו-טאגיגע אינדוסטריעלע אומשטענדען אין אמעריקא, און די ארבייטער ווערען באקאנט מיט דעם עקאנאמישען און היסטארישען הינטערגרונד פון די דאזיגע אומשטענדען. עס ווערט שטענדיג אנגעוויזען אויף דער וויכטיגקייט צו פארשטעהן אט דעם הינטערגרונד אום צו קאנען לייזען די שאפענדע פראגען און ענטוויקלען די מאדערנע ארבייטער ארגאניזאציעס.

דער וויכטיגסטער קורס אין דעם ארבייטער אוניווערסיטעט איז איבער טרייד-יוניאן פאליטיק. דארט ווערט באטראכט און אנאליזירט די טרייד-יוניאן באוועגונג און אמעריקא, די פראבלעמען, וואס די אמעריקאנער ארבייטער מוזען לייזען, און די בעסטע ארגאניזאציאנס-מעטאדען דערצו.

די אנדערע קורסען וואס דער דעפארטמענט גיט איבער געשיכטע, פסיכאלאגיע, עקאנאמישע געאגראפיע, א. אז. וו., זיינען אפילו ניט דירעקט פארבונדען מיט א קלארען באגריף וועגען דער ארבייטער באוועגונג, אבער זיי גיבען די סטודענטען דעם היסטארישען און פסיכאלאגישען הינטערגרונד וואס זאל זיי העלפען צו באגריפען די פראבלעמען פון דעם איינצעלנעם ארבייטער אזוי גוט ווי פון דער ארגאניזאציע.

מען קאן איצט שטעלען די פראגע, אויף וויפיל די אלע קורסען זיינען געווען אן ערפאלג; צי האבען די ארבייטער דארט געקראגען גענויע באגריפען און קארעקטע אידעען; צי זיינען די סטודענטען בלויז אזוי-זיך צוהערער אדער זיי האבען ווירקליך עפעס באקומען אין די קלאסען? די פראגע איז זעהר שווער צו ענטפערען. אלענפאלס קאן מען זי ניט ענטפערען גענוי און באשטימט. פון וואנען ווייסען מיר איבערהויפט צי דער אדער יענער אונטערריכט איז געווען ערפאלגרייך? מען קאן בלויז זאגען, אז ווען די סטודענטען באזוכען די קלאסען וואך איין וואך אויס, ווען זיי דיסקוטירען מיט די לעהרער פארשיידענע פראבלעמען, וואס זיינען פאר זיי אוועקגעשטעלט געווארען, ווען זיי קוקען אויס צו זיין פאראינטערעסירט אין דעם געגענשטאנד און באטראכטען איהם פאר גאנץ וויכטיג, איז עס א סימן, אז דער קלאס אונטערריכט האט אויף זיי געווירקט, האט געבראכט רעזולטאטען. מעגליך, אז אייניגע סטודענטען וועלען קיינמאל ניט איבערזעצען זייערע אידעען אויף דער שפראך פון טאט. פון דער אנדערער זייט אבער וועלען זיך ווארשיינליך געפינען א סך וואס וועלען דאס יא טאן, און אויב דער קלאס האט אויף אזא אופן דערגרייכט זאגאר אייניגע פערזאנען, איז זיין ארבייט פולשטענדיג גערעכטפערטיגט.

דאס ברענגט אונז צו דער באטראכטונג פון דער פראגע: וואס קאן ארבייטער-בילדונג אויפטאן אין אלגעמיין? קאן מען דורך אזוינע מעטאדען דערגרייכען די אומצעהליגע טויזענטער, וואס שטעלען צוזאמען דעם ארבייטער קלאס? קאן מען זיי אלע פארוואנדלען אין אינטעליגענטע, דענקענדע מענשען? קיין פארשער פון ארבייטער בילדונג וועט דאס ניט וואגען צו באהויפטען. ס'איז אמת, אז מען קאן צוציהען גרויסע מאסען צו קאנצערטען, פארוויילונגען, מאווינג פיקטשור פארשטעלונגען און זיי מאכען צו צוהערער זיך צו רעדעס, צו פראפאגאנדע. דאס וועט אהן צווייפעל ברענגען געוויסע דויערנדע רעזולטאטען. די ארבייטער קאנען דורך אזעלכע מעטאדען געבראכט ווערען צו ווירקזאמע האנדלונגען.

עס איז אבער דא בלויז א קנאפע האפנונג צו קאנען צוציהען די ברייטע מאסען צו ערנסטען שטודיום. עס איז כמעט קיין האפנונג ניטא, אז אלע זאלען ווערען אינטעליגענטע, דענקענדע ארבייטער. אזעלכע וועלען אלע מאל זיין אין דער מינאריטעט. די הויפט האפנונג פון דער ארבייטער באוועגונג איז אריינצוקריגען ענטוזיאסטישע ערנסטע געניגטע ארבייטער און געבען זיי א מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען און ווערען די פאהן-טרעגער פון זייערע מיט-ברידער, פון זייער קלאס אויף דעם וועג צו אינדוסטריעלער דעמאקראטיע. א סיסטעם פון ארבייטער בילדונג, וואס וועט דעם דאזיגען צוועק דערגרייכען, וועט האבען ערפילט איהר העכסטע פליכט. מעהר ווי דאס קאן זי ניט אויפטאן.

אמת, די פארשווענדונג פון ענערגיע און געלד איז גרויס, און די רעזולטאטען — אין דעם זין פון דער צאהל מיטגלידער, וואס ווערען דערגרייכט, — זיינען קלענער, אבער די רעזולטאטען זיינען דאך פון דער גרעסטער וויכטיגקייט און ניצליכקייט פאר דער ארגאניזאציע.

מען דארף געדענקען, אז די גרויסע סאציאלע ענדערונגען, הגם זיי זיינען ענדליך דורכגעפיהרט געווארען פון די מאסען, זיינען געווען דער רעזולטאט פון דער אינטעליגענטער פיהרערשאפט פון אייניגע פערזאנען. אט די יחידים האבען געשאפען די פאדערונגען און די לאזונגען און האבען אנגעערדט די מאסען צו שטעלען זיך פאר די פאדערונגען, ארויסצוווייזען ענטשיידענע אקציע.

אויך אין דער ארבייטער באוועגונג איז דאס אזוי. דער פארשריט אין דער ארבייטער באוועגונג איז געקומען אלס א רעזולטאט פון די סאציאל-עקאנאמישע כחות-פארהעלטנישען, וועלכע זיינען פארשטאנען און קלאר באגריפען געווארען פון די איינצעלנע פיהרער. אט די פיהרער האבען עס אויסגעארבייט קלארע און באשטימטע אקציאנס-פראגראמען פאר די מאסען. און די ענדליכע באפרייאונג פון די ארבייטער וועט אויך קומען דורך דעם קלארען באגריף מצד די אנפיהרער — פון די צוזאמענגעווירקענדע און געגענגעווירקענדע סאציאל-עקאנאמישע כחות. און ס'איז דאריבער איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבען פון דער באוועגונג פאר ארבייטער-אויפקלערונג צו ענטדעקען אט די איינצעלנע, צו ערציהען זיי, צו פארברייטען זיי פאר זייער גוואלדיגער אויפגאבע.

לאמיר ניט פארגעסען, אז זאגאר די עקזיסטענץ פון דער יוניאן איז ניט ענטשטאנען פון אוממיטעלבארער, ספאנטאנער מאסען-אקציע. זי איז ענטשטאנען א דאנק דער וויטזיכטיגקייט פון א קליינער גרופע מענשען, וועלכע האבען אין דער יוניאן, אין דעם ארבייטער-בונד געזעהען די דערלייזונג פון דעם ארבייטער-קלאס. יאהרען לאנג האבען די דאזיגע יחידים געפריידיגט זייער אידעע, פיעל ענערגיע האבען זיי אנגעווענדעט, איידער זייערע קלאס-גענאסען האבען אנגענומען זייער געדאנק. זאגאר היינט צו טאג — וואס פאר א טראגיש-קליינע צאהל ארבייטער פארשטעהען די וויכטיגקייט פון ארגאניזאציע! אבער מיר זיינען ניט ענטמוטיגט. מיר פארפאלגען אונזערע צוועקען אין דער טיעפער איבערצייגונג, אז מיר זיינען גערעכט, אז מיר וועלען ענדליך טריאומפירען. ארגאניזאציע און בילדונג; דאס זיינען די אייביגע לאזונגען פון דעם ארבייטער-קלאס.

די ארבייטער בילדונגס ביורא.

דעם שבת, דעם 2טען אפריל, עפענט זיך דער קאנפערענץ, וואס איז איינגערופען געווארען צו ארגאניזירען א נאציאנאלע ארבייטער בילדונגס-ביורא. די זיצונגען וועלען זיין אפענע און אונזערע מיטגלידער קאנען באזוכען דעם קאנפערענץ. דארט וועלען דיסקוטירט ווערען פראגען פון, גרויס אינטערעס פאר די וואס אינטערעסירען זיך מיט דער פראגע פון ארבייטער בילדונג.

דער קאנפערענץ וועט געהאלטען ווערען אין אודיטאריום פון די „ניו סקול או סאשעל ריסוירטש", 465 וועסט 23טע סטריט. די ערשטע זיצונג וועט פארקומען שבת ביי-טאג 2 אזייגער.

זונטאג, דעם 3טען אפריל, וועט דר קאנפערענץ האבען דריי זיצונגען. איין זיצונג 10 אין דער פריה, איין 2 נאכמיטאג און איין 7.30 אבענד.

שבת אבענד, דעם 2טען אפריל, וועט געגעבען ווערען א דינער לכבוד די דעלעגאטען צו דער קאנפערענץ. פיעלע באוואוסטע פיהרער אין דער ארבייטער באוועגונג וועלען דארט האלטען קורצע רעדען. דער דינער וועט זיין אין סטרונסקי'ס רעסטאראנט, 34 וועסט 35טע סטריט. דער פרייז איז 2 דאלאר א פערזאן. טיקעטס צו באקומען אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקוועער, רום 1003.

צוליב דער קאנפערענץ וועט אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט זיין געשלאסען דעם שבת און זונטאג. די קלאסען וועלען פארטגעזעצט ווערען מיט א וואך שפעטער.

דער אונטערהאלט פון די סטודענטען מיט די לערער שבת, דעם 9טען אפריל.

עס איז פארבליבען נאך א וואך צייט ביז דעם אונטערהאלט פון אונזערע סטודענטען מיט די לערער פון אלע אונזערע קורסען און קלאסען. דער אונטערהאלט וועט זיין שבת אוונט, דעם 9טען אפריל, אין דעם דיינינג-רום פון וואשינגטאן אירווינג היי-סקול. די קאמיטע, וואס ארראנזשירט עס פארזיכערט, אז אלע וואס קומען אהין, וועלען געוויס גוט פארברייגנען די צייט.

אויף דעם אונטערהאלט וועלען די סטודענטען האבען א געלעגענהייט צו פארברייגנען אן אנגענעהמען אבענד מיט זייערע לערער, אויף אן אמת ברידערליכען אופן, וואו עס וועט ניט זיין קיינע פון די פארמאליטעטען פון קלאס-רום. דאס וועט זיין א היימישע שמחה'לע, וואו עס וועט געפייערט ווערען דער ערפאלג פון דעם עדיוקיישאנאל סיזאן, וואס ענדיגט זיך באלד.

זאלען אלע סטודענטען קומען פארברייגנען. זיי קאנען אויך מיטברייגנען זייערע פריינד און באקאנטע. איינטריט איז 30 סענט פון א פערזאן, אויף צו דעקען די אויסגאבען. טיקעטס צו באקומען ביי די מיטגליעדער פון די סטודענטען-קאונסילס און אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקוועער, רום 1003.

די יוניטי סענטערס.

די יוניטי סענטער זיינען געווען געשלאסען די וואך פון 21טען און 25טען מערץ. דאס איז די וואך פון ספרינג-וואקיישאן. מאנטאג אבענד, דעם 28טען מערץ, זיינען אלע קלאסען ווידער געעפענט געווארען און דאס לערנען ווערט פארטגעזעצט, ווי פריהער.

זאלען די סטודענטען פון די אלע קלאסען פארטזעצען זייער שטודיום, מיט נאך מעהר ענערגיע, ווי פריהער. זאל דאס געטאן ווערען ביז צום סאמע סוף פון סיזאן.

צו די סטודענטען פון בראנקס יוניטי סענטער אין פאבליק סקול 43.

דער יוניטי סענטער אין פאבליק סקול 43, 135טע סטריט און בראון פלייס, האט זיך צוגעמאכט דעם 18טען מערץ. די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס, וואס האבען געלערענט אין דעם סענטער, קאנען פארענדיגען דעם יזאן אין די אנדערע צוויי יוניטי סענטערס, וואס מיר האבען אין די בראנקס. זיי קאנען געהן אין פאבליק סקול 54, פריעמאן סטריט און אינטערוויל עוועניו, אדער אין פאבליק סקול 42, וואשינגטאן עוועניו און קלערמאנט פארקוויי.

אין די צוויי דערמאנטע יוניטי סענטערס זיינען דא דיזעלביגע קלאסען, און די שיהלער פון דעם פארמאכטען סענטער קאנען דארט פארזעצען זייער שטודיום ביז צום ענד פון סיזאן. זאלען דיעזע שיהלער ניט פארפעלען דאס צו טאן.

דר. ווארבאס איבער דער קא-אפעראטיווער באוועגונג.

דר. דזש. פ. ווארבאס וועט געבען א לעקטשור קורס אין דעם אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט, איבער דער קא-אפעראטיווער באוועגונג. דער קורס וועט זיך אנפאנגען שבת, 2 אוהר ביי-טאג, אין דער וואשינגטאן אירווינג היי-סקול.

דר. ווארבאס איז דער פרעזידענט פון דער קא-אפערטיווער ליג פון אמעריקא און ער פארשטעהט די פראגע פיעלייכט מעהר, ווי אירגענד ווער אנדערש אין אמעריקא. ער וועט דיסקוטירען די ענטוויקלונג און די מעטאדען פון דער קא-אפעראטיווער באוועגונג. די פראגע איז זעהר א וויכטיגע, און באזונדערס אין דער איצטיגער צייט, ווען דיזע באוועגונג וואקסט און פארשפרייט זיך אומעטום. עס איז דאריבער צו האפען, אז וואס מעהר מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס וועלען קומען צו דעם זעהר וויכטיגען און אינטערעסאנטען לעקטשור קורס.

דער מאָגען ?

עקס-לאַקס !

וואס ווילען די מאנופעקטשורערס?

פון י. פיינבערג
(דזשענעראל מענעדזשער פון דער קלאוק מאכער יוניאן).

לויט די סטייטמענטס, וועלכע זיי־
נען געמאכט געווארען לעצטענס פון איי־
ניגע מאנופעקטשורערס פון אונזער
טרייד, אויב מיר זאלען זיי נעהמען פאר
ערנסט, קען מעגליך זיין, אז אונזער אינ־
דוסטריע זאל ארייננעשלעפט ווערען אין
א קאמף, וועלכער וועט זיין פון זעהר
גרויסער באדייטונג, ניט נאר פאר אונז
אליין, זאנדערן פאר דער גאנצער
שטאדט, און עס איז דערפאר זעהר וויכ־
טיג נאך א מאל קלאר צו מאכען, ווער
עס ווילען זיין באמת די שולדיגע אין
דיעזען טראבעל.

עס מוז דא גלייך באמערקט ווערען,
דאס וואס אנבאלאנגט אונזער יוניאן,
האבען מיר שוין אפט באוויזען אונזער
ווילינגקייט צו פארמיידען אירגענד וועל־
כען טראבעל אין דער אינדוסטרי, מיט
דעם איינציגען באדינג, דאס אונזערע
באסעס זאלען אנערקענען איין מאל פאר
אלע מאל דאס די צענדליגע טויזענדער
מענשען, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין
דיעזער אינדוסטרי, זיינען בארעכטיגט
צו מאכען א מענשליכען לעבען. נאר
דאן קען מעגליך זיין, אז פריעדען זאל
הערשען אין אונזער אינדוסטרי, אבער
ווי עס ווייזט אויס, פיהלען זיך אייניגע
באסעס ניט מעהר באקוועם פון דעם
פאקט, דאס זיי קענען ניט זיין די פאל־
שטענדיגע הערשער. נון, וואס טוט
מען?

זיי האבען געטאן דאס, וואס באסעס
טוען געוועהנליך: פריהער זאגען זיי צו
און נאכהער וויל מען ניט האלטען
ווארט. צום ביישפיל, זיי האבען גע־
מאכט א פארזוך צוריקצונעהמען ביי די
ארבייטער דאס, וואס מען האט הייליג
פארשפראכען ביי דעם גאווערנאר'ס קא־
מיטע צו געבען. זיי האבען געדענקט,
אז דאס וועט געלינגען. איז געקומען
די יוניאן און פרעגט: דזשענטעללייטע,
וואס איז דאס? איז דער ענטפער פון
די באסעס געווען אז זיי פאדערען עס
אין נאמען פון פובליקום, ניט חלילה צו־
ליעב זייערע אייגענע אינטערעסען.

דער ערשטער פארלאנג פון די הערען
פון דער אסאסיאיישאן איז צו רעדוצירען
וויידזשעס, כדי, זאגען זיי, דער גרויסער
עולם זאל קענען קויפען קליידער פאר
ביליגערע פרייזען. דער אמת איז,
דאס דיעזער פארלאנג, ווען מיר וואלטען
איהם זאגאר נאכגעגעבען, וואלט ניט
געמאכט מעגליך, דאס דער גרויסער
פובליקום זאל דערביי פראפיטירען. וואס
עס קען יא פאסירען, איז דאס די פרא־
פיטען פון די בעלי־בתים זאלען גרעסער
ווערען. און אט ווי אזוי:

לאמיר זאגען, דאס די וויידזשעס פון
די ארבייטער זיינען רעדוצירט געווארען
אויף 10 פראצענט, וואס דאס וואלט
אויסגעמאכט א דורכשניטליכען פרייז
פון 5 דאלאר פאר אן ארבייטער. לאמיר
אויפנעהמען א שאפ, וועלכער באשעפ־
טיגט 50 ארבייטער, און מאכט א מיטע־
לען ליין ארבייט. עס וואלט דאן גע־
מיינט, דאס די וויידזשעס וואלטען פאר־
קלענערט געווארען מיט 250 דאלאר א
וואך. דיעזע ארבייטער, ביי דיעזען ליין,
מאכען אהן צווייפעל 500 שטיק ארבייט
א וואך. עס וואלט דאן מיינען, דאס יע־
דער גארמענט וואלט געקאסט מיט א
האלבען דאלאר וועניגער. יעצט שטעלט
אייך פאר, אז אייער פרוי, וועלכע דארף
קויפען א סוט אדער א קויט, וואס
פרייזט זיך אין סטאר פון 40 ביז 50
דאלאר, און קויפט ניט דערפאר ווייל די
פרייזען זיינען צו הויך, וואלט עס גע־
מיינט, לויט די טענות פון די בעלי־
בתים, ווען דער סוט וואלט געקאסט מיט
א האלבען דאלאר וועניגער, וואלטען אלע
זיך געגאנגען קויפען סוטס אדער קויטס.

עס איז דארום קלאר, אז מיט דעם
פארלאנג צו רעדוצירען די ארבייטער־
וויידזשעס האט מען דא דעם פובליקום
גראד ניט אין זינען. מען שיט איהם
בלויז זאמד אין די אויגען, און מיר ווע־
לען ניט דערלאזען, אז דער עולם זאל זיך
לאזען אפנארען פון אזעלכע פאלשע
טענות.

ביי דיעזער געלעגענהייט וויל איך
ערקלערען, אז עס איז אין דער אמת'ן
ניטא קיין אורזאכע, וועלכע זאל בארעכ־
טיגען די רעדוצירונג פון וויידזשעס. ווען
מיר נעהמען אין אנבאטראכט די יעצטי־
גע עקאנאמישע באדינגונגען, געפינען
מיר, דאס די לעבענסמיטעל זיינען ניט
ביליגער געווארען, אזוי אז דער בודזשעט
פון א פאמיליע היינטיגעס יאהר איז איי־
גענטליך דער זעלביגער, ווי לעצטעס
יאהר, פאלגליך מיינט פאר אונז רעדוצי־
רונג אין וויידזשעס פשוט א פארערגע־
רונג אין אונזערע לעבענס־באדינגונגען.
מיר, פון אונזער זייט, דענקען ניט, אז
אמעריקא איז געקומען צו אזא שטופע,
וואס פאדערט די ארונטערדריקונג פון
די סטאנדארדס פון די ארבייטער, און
דערפאר זאגען מיר, דאס אירגענד וועל־
כער פארזוך, וואס וועט געמאכט ווערען
פון אונזערע באסעס, וועט פיהרען צו
ניט קיין גוטע רעזולטאטען.

יעצט, לאמיר צוגעהן צו דער צוויי־
טער פראגע, וועגען שטונדען:

די דזשענטעללייטע פון דער אסאסי־
איישאן זאגען, דאס מען דארף פארלענ־
גערען די שטונדען פון ארבייט. עס איז
קאראקטעריסטיש צו באמערקען, ווען עס
קומט צו מאכען אן עפענטליכען סטייט־
מענט, זעהט מען ווי די מענשען דרעהען
זיך אין דרייען, און קענען פשוט קיין
ריכטיגע ערקלעהרונג ניט געבען. ניט
דערפאר, ווייל זיי האבען ניט, נאר וואס
דען? א סך פון זיי האבען ניט דעם
מוט ארויסצוקומען אפען און זאגען דעם
אמת. אום ארויסצונעהמען זיי פון א
פארלעגענהייט, וועל איך דאס פאר זיי
זאגען; דאס איז, נעמליך: זיי ווילען
איינפיהרען צוריק דעם אלטען סוועטינג
סיסטעם, אום צו באשאפען א גרעסערע
ארמעע פון ארבייטסלאזע, אום דורך
דעם צו קענען ארונטערדריקען דעם לע־
בענס־סטאנדארד, וועלכען די ארבייטער
האבען זיך ערווארבען דורך יאהרען און
יאהרען פון קאמף.

צו וואס זיך שעמען, הערען מאנו־
פעקטשורערס? מיר, קלאוקמאכערס,
קענען אייך זעהר גוט. אונז קענט איהר
די ציינער ניט פארריידען. מיר ווייסען,
דאס איהר פיהלט זיך שטארק געערגערט,
ווען איהר דערמאנט זיך אן די אמאליגע
גוטע צייטען, ווען די ארבייטער זיינען
געקומען צו דער ארבייט, ווען גאט אליין
איז נאך געשלאפען; און אוועקגעגאנ־
גען פון דער ארבייט, ווען איהר, דזשענ־
טעללייטע, האט זיך שוין געהאט איבער־
געדרעהט אויף דער צווייטער זייט; און
האבען געארבייט לאנגע שטונדען פאר
א קלענליכען לוין.

מיר, פון אונזער זייט, געדענקען
זעהר גוט יענע צייטען, ווייל מיר האבען
גענוג קאנסאמפטיווס צוגעשטעלט — צו
פארדאנקען יענעם סיסטעם, א סיסטעם,
וועלכער איז געוועזען א קללה פאר צענד־
ליגער און צענדליגער טויזענדע מענשען,
און א שאנדע פאר דעם אמעריקאנער
פאלק; קורצערע שטונדען מיינט פאר
אונז: האבען געזונטערע מענשען,
וועלכעס יעדעס לאנד איז זעהר גערן צו
האבען. א חוץ דעם איז וויכטיג צו דער־
מאנען דעם פאקט, וואס עס איז פעסטגע־
שטעלט געווארען פון די גרעסטע געלע־
רענטע איבער עקאנאמישע ענינים, דאס
ארבייטער, וועלכע ארבייטען אכט שטונ־
דען א טאג, זיינען א סך מעהר פראדוק־
טיוו, ווי די, וועלכע ארבייטען לענגער.

יעצט וועל איך קומען צו דעם דריי־
טען פארלאנג, נעמליך, שטיק־ארבייט.
די דזשענטעללייטע זאגען, דאס אום די
אינדוסטרי זאל ניט אונטערגעהן, דארף
מען איינפיהרען צוריק שטיק־ארבייט.
דערמיט ווילען זיי שאפען דעם איינ־
דרוק, אז די אינדוסטרי האלט ביים אונ־
טערגעהן. טא לאזט מיך אייך זאגען,
אז די גאנצע מעשה איז ניט געשטויגען
און ניט געפלויגען. די, וואס זיינען בא־
קאנט מיט דער קלאוק אינדוסטרי, ווייס־
סען, דאס דער סך הכל פון די ביזנעס,
אין רונדע ציפערען, איז אין די לעצטע
עטליכע יאהר גרעסער, ווי ווען עס איז
אין דער געשיכטע פון דיעזער אינדוסט־
רי; אויף דעם זאגען עדות די סטאטיס־
טיקס פון דעפארטמענט אוו קאמערס.
עס איז אמת, אז די צאהל גארמענטס איז
אין די לעצטע יאהרען אביסעל קלענער,
אבער דאס איז נאך אונזער מיינונג דער־
פאר ווייל דער קויפער פארלאנגט היינט
א בעסערע און שעהנערען גארמענטס.
בעסערע קליידער נעהמען לענגער אויפצו־
מאכען. זיי זיינען אבער דויערהאפטער
און ווערען געטראגען מעהר ווי איין סי־
זאן. און ווען ביי אלעם דעם ציינט דער
רעפארט פון דעפארטמענט אוו קאמערס,
אז דער סך הכל ביזנעס האט זיך לעצ־
טענס פארגרעסערט, מיינט עס, אז אונ־
זער אינדוסטרי האלט נאך ניט חלילה
ביים אונטערגעהן...

און יעצט וויל איך צוקומען צו דער
לעצטער פראגע, דאס איז, נעמליך, מא־
כען מעהר ארבייט. צו אלעם ערשטען
וויל איך זאגען, דאס דיעזע פראגע, אויב
ניט ריכטיג באטראכט, קען פארפיהרען
א סך מענשען, וועלכע זיינען זעהר
שטארק דאנגענען, אז די אינדוסטרי זאל
ארייננעפיהרט ווערען אין א כאאטישען
צושטאנד. אום דיעזע פראגע זאל ריכ־
טיג באהאנדעלט ווערען, איז נויטיג צו
האבען א באגריף איבער דעם ספעציע־
לען כאראקטער פון דיעזער אינדוסטרי.
מען דארף אלע מאל האבען אין זינען,
דאס אין אונזער טרייד עקזיסטירט די
העכסטע שטופע פון פארשידענארטיג־
קייט, אדער, ווי מען רופט עס אויף דער
טרייד־שפראך — סטיילס. און ווירקליך
קען מען ניט ערווארטען, דאס די מאס
פון פראדוקציאן זאל קענען פארגליכען
ווערען צו טריידס, ווי צום ביישפיל:
לעגען ציגעל, הובלעווען ברעטער, וועגען
קוילען, פיהרען טריינס, אדער אויסלא־
דען שיפען, און זא ווייטער, און זא וויי־
טער. ווייל אויב איהר האט, צום ביי־
שפיעל, פעסטגעשטעלט, אז מען קען
לעגען 50 ציגעל א טאג, איז ניטא קיין
אורזאכע, ווארום מען זאל ניט קענען לע־
גען די זעלבע צאהל ציגעל אלע טאג, מיט
דער אויסנאמע פון רעגען, שנעע, פראס־
טען און אנדערע אינצידענטען.

לאמיר אננעמען, אן ארבייטער, וועל־
כער מאכט א טאג ארבייט פון סטייל
נומער איינס. דאס שטיק ארבייט בא־
שטעהט פון צוויי סיעמס, א שייפ קא־
לאר, צוויי קעשענעס, דריי באטאנהאלס,
און דורך דעם טאג האט דער ארבייטער
געמאכט זעקס שטיק. אויף מארגען
האט ער געקראגען די זעלביגע סטייל אר־
בייט, און, אפארבייטענדיג א שווערערן
טאג, האט ער בלויז געמאכט פינף. אויי־
בערפלעכליך קען זיך אויסווייזען, אז דער
ארבייטער האט ניט געטאן זיין פליכט.
איז דאס ניט דער פאל. דער אמת איז,
דאס ער האט ביי דיעזע פינף שטיק מענ־
ליך שווערער געארבייט, ווי ביי די זעקס.
עס איז געווען בלויז, דאס די ווארע, וועל־
כע ער האט געקראגען דעם צווייטען טאג
זאל זיין אן אנדערע, ווי די, וועלכע ער
האט געקראגען דעם ערשטען, און עס
ווערט פאר דעם ארבייטער פשוט אונ־
מעגליך ארויסצוברייננען די זעלביגע
צאהל. איך בין זיכער, דאס פאבלייטע
וועלען מיר פארשטעהן, ווען איך זאג,
דאס איין ווארע איז שווערער צו דער
ארבייט, ווי א צווייטע, אבוואהל די גאר־
מענטס זיינען די זעלבע סטיילס. דאס
איז בלויז איין עקזעמפעל. עס ווענדעט
זיך אויך זעהר פיעל אין דעם מענעדזש־
מענט פון שאפ. איהר וועט טרעפען אין
צוויי שעפער, וואו מען מאכט די זעלבע
ליין ארבייט, מאכט מען אין איין שאפ
מעהר און אין דעם צווייטען, וועניגער.
עס קומט אויס קאמיש. טראכט איהר
אבער זיך אריין אין די אורזאכען, גע־
פינט איהר גלייך אויס, אז עס איז גאנץ
נאטירליך: אין איין שאפ איז די מע־
נעדזשמענט ניט זעהר איבערקלייבעריש
וועהרענד אין א צווייטער הויז איז דער
פארמאן מעהר פארזיכטיג אויף דעם
שייפ, אדער, אז דער פראנט זאל זיין
עקסטראארדינער. דאכט זיך א קלייניג־
קייט, אבער דאס שפיעלט א גרויסע רא־
לע אין דעם אויפמאכען פון דעם גאר־
מענט. איך ברענג דא די אלע איינצעל־
הייטען, אום דער לעזער זאל פארשטעהן
דאס די טענה פון פראדוקציאן איז אב־
סאלוט איבערטריבען פון דער זייט פון
די מאנופעקטשורערס. דער אמת איז,
נאכדעם ווי מיר האבען געסיינט אגרי־
מענטס מיט די בעלי־בתים פון דער אינ־
דוסטרי, און זיך פארפליכטעט דאס אונ־
זערע ארבייטער וועלען מאכען אן עהר־
ליכען טאג ארבייט, קענען מיר מיט פאל־
שטענדיגער זיכערקייט זאגען, דאס אונ־
זערע ארבייטער האבען דורכגעפיהרט
דאס, וואס זיי האבען פארשפראכען. גע־
וועהנליך, אין אזא גרויסער אינדוסטרי,
ווי אונזערע, איז נאטירליך, דאס עס זא־
לען זיך דא און דארט געפינען איינצעל־
נע מענשען, וועלכע האבען פון צייט צו
צייט ניט געוואלט טאן זייער פליכט. איז
אבער דער פאקט דער, דאס אויב מען
האט אונז דארויף אויפמערקזאם גע־
מאכט, האבען מיר דיעזע מעמבערס
דיסציפלינירט, און, פאלגליך, דענק איך,
דאס דער געשריי פון אונטער־פראדוקצי־
אן איז איבערטריבען און באזירט בלויז
אויף דער ווילדער פאנטאזיע פון אייניגע
מאנופעקטשורערס, וועמענס אויפגאבע
עס איז אלע מאל געוועזען צו ברענגען די
אינדוסטרי אין א כאאטישען צושטאנד.

צום שלוס וויל איך זאגען אייניגע
ווערטער צו די „קאפיטאנען" פון אונזער
אינדוסטרי, און דאס איז פאלגענדעס:

פארגעסט, הערען מאנופעקטשורערס,
דאס איהר קענט דיעזע אינדוסטרי ברענ־
גען צו דער שטופע, אין וועלכער זי האט
זיך געפונען מיט 15 יאהר צוריק. צו־
פיעל האבען מיר געליטען, דאס מיר זא־
לען ערלויבען זיך אומצוקעהרען צו יע־
נער צייט. די געזעלשאפט האט אין אל־
געמיין ערדייכט צו א גרעסערער שטו־
פע פון אינטעליגענץ, דאס זי זאל ערלוי־
בען צוריק צו ברענגען יענע אונערטרעג־
ליכע באדינגונגען, און וואס גיכער איהר,
דזשענטעללייטע, וועט אנערקענען דיע־
זען פאקט, אלץ גיכער וועט איהר פאר־
שטעהן, אז מיט אנרייצען דעם עולם
וועט איהר שטערען דעם סוקסעס פון
אונזער אינדוסטרי. איך בין פאלשטענ־
דיג זיכער, דאס איהר, דזשענטעללייטע
פון דער אסאסיאיישאן, ווייסט עס בע־
סער, ווי אלע אנדערע, ווייל איהר האט
שוין פיעלע מאל אנגעווענדעט דיעזען
עקספערימענט, וועלכער איז אלעמאל גע־
וועזען א דורכפאל.

מיין ערפאהרונג האט מיר געלערנט,
דאס סכסוכים, פראבלעמען און אנדערע
פראגען, וועלכע שווימען אויף אין אינ־
דוסטריען פון צייט צו צייט, זיינען קיינ־
מאל ניט געלעזט געווארען מיט אופריי־
צונגען. איהר קענט ניט פארניכטען די
ענטוויקלונג פון מענשליכען גייסט פאר
בעסערעם און שענערעם, פונקט ווי איהר
קענט ניט אויסטריקענען דעם ים, און
פאלגליך וואלט געווען פיעל ראטזאמער
דאס איהר זאלט געברויכען גאנץ אנדע־
רע מעטהאדען, וועלכע וואלטען פיע־
לייכט געבראכט בעסערע רעזולטאטען
פאר אלע פאראינטערעסירטע צדדים.

פילאדעלפיער נייעס

זאל די דיום געהעכערט ווערען?

אויף די לעצטע פאר מיטינגען איז
אונזער דזשאינט באארד געווען געצוואונ־
גען זיך אריינצוטראכטען וועגען די פי־
נאנסען פון אונזער יוניאן. נישט חלילה,
ווייל אונזער טרעזשורי איז לעדיג, נאר
דאפיר ווייל די עקספענסעס קענען נישט
געדעקט ווערען מיט די געלדער וואס עס
קומען יעצט אריין און דער דזשאינט
באארד איז געקומען צום שלוס, אז די
דיוס זאל געהעכערט ווערען פון 40 אויף
50 סענט.

דיעזער באשלוס איז ביי א מיטינג פון
לאקאל 2 צוריקגעוויזען געווארען.

קיין מענש, וועלכער קען זעהן אביסעל
ווייטער פון דער נאז, איז פאר קיין פאל
נישט דיסאפאינטעט געווארען מיט דיעזען
באשלוס, ווייל עס פאסירט אפטמאל, אז
אונזערע ארבייטער באגרייפען נישט זיי־
ער אייגענעם שטאנדפונקט. עס איז קלאר,
אז קיינער וועט נישט באצאהלען די בילס
פון דער יוניאן א חוץ די ארבייטער און
אונזערע מעמבערס וועלען זיך דארפען
מעהר פאראינטערעסירען אין דער פראגע.
ווייל אונזער דזשאינט באארד ארבייט
יעצט אונטער א גרויסען דעפיציט, וועל־
כער וועט מוזען געדעקט ווערען. מיר
זיינען זיכער, אז נאך א גרינדליכער דע־
באטע און אונטערזוכונג איבער דער לא־
גע, וועלען אונזערע מעמבערס זיכער רע־
קאנסידערען דעם באשלוס און גוטהיי־
סען די העכערונג פון די דיוס, ווי דער
דזשאינט באארד האט עס באשלאסען.

וויכטיג פאר די וועלכע דארפען זיך רעדזשיסטרירען.

אונזערע מעמבערס ווייסען געוויס דעם
סיסטעם פון רעדזשיסטרירען זיך. ווען
איינער נעהט אוועק פון שאפ אין צייט
פון סלעק דארף ער זיך רעדזשיסטרירען
אין דער יוניאן, און נאכהער צום סיזאן,
איז ער בארעכטיגט צוריק צו דעם פלאץ.
דאס איז געמאכט געווארען, אז יעדער אר־
בייטער זאל נישט דארפען זיין געצוואונ־
גען צו זיין אין איין שאפ ווען עס איז קיין
ארבייט נימא, ער זאל קענען געהן אויף
א פאר וואכען ארבייטען ערגעץ אנדערש.
ארבייטער דארפען עס וויסען און געדענ־
קען.

ארבייטער, וועלכע דארפען פארלאזען
דעם שאפ, דארפען עס לאזען וויסען דעם
באס. ווען דער באס גיט אן גרינדליכע
אורזאכען דער ארבייטער זאל בלייבען אין
שאפ איז פארשטענדליך, אז ער וועט
דארט קענען א שטיקעל לעבען מאכען
און דער ארבייטער וועט דארפען בליי־
בען. ווען דער באס טוט דאס נישט, דארף
דער ארבייטער דעם זעלבען טאג זיך רע־
דזשיסטרירען אין דער יוניאן און ער איז
בארעכטיגט צום פלאץ ווען דער נייער
סיזאן קומט אן.

אין גרעסערע שעפער, אויב די ארביי־
טער פארלאזען דעם שאפ אין א גרוי־
סער צאהל, דארף דער באס זיי צוריק
ארויפנעמען אין די ערשטע צוויי וואכען
פון סיזאן.

עס איז וויכטיג, אז אלע ארבייטער
פון אונזער טרייד זאלען עס געדענקען.

איז דער סיזאן שוין פאריבער?

אפיציעל קליימט מען, אז דער סיזאן
איז שוין פאריבער. אלע מאל אין דיי־
זער צייט קומען די בעל הבתים מיט פאר־
שלעגע ארונטערצולאזען די פרייזען וועט
דאן, זאגען זיי, זיין ארבייט. מיר ווא־
גען אונזערע ארבייטער, אז קיין שריט
טאר ניט געמאכט ווערען אהן דעם ווי־
סען פון דער יוניאן. עס פארשטעהט
זיך, אז די יוניאן וועט נישט לאזען ארונ־
טערנעמען פון די פרייזען אבער מיר ער־
ווארטען אז ווי נאר וועלכער עס איז באס
וועט מאכען אזא פארשלאג צו אונזערע
ארבייטער, וועלען זיי דאס לאזען וויסען
אונזער אפיס.

די יעניגע ארבייטער וואס וועלען ווא־
גען ארונטערצולאזען די פרייזען, וועלען
אלס סקעבס ערקלערט ווערען און וועלען

(שלוס אויף זייט 14)

די ארבייטס־באדינגונגען אין דער שניידער אינדוסטריע אין דייטשלאנד

א באריכט פון ס. וואן דער העיג, סעקרעטער פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון קליידער ארבייטער.

איך האב דערהאלטען זעהר אינטערעסאנטע סטאטיסטיקס פון דער פעדעראציע פון די קליידער ארבייטער פון דייטשלאנד וועגען די ארבייטס־באדינגונגען אין דער דארטיגער קליידער אינדוסטריע.

דער ערשטער טייל האט צו טאן מיט דער פראגע פון ארבייטס־שטונדען, צייט רייטס און טעגליכע פארדינסטען פון די ארבייטער אין דעם מייד־טו־ארדער ברענטש אין דעם פעריאד פון 1914 ביז אקטאבער, 1920. דער צווייטער טייל גיט א סך הכל פון די שכירות פון שטיק ארבייטער אין דעם רעדי־מייד ברענטש פון דער שניידער אינדוסטריע.

אין דעם מעיד־טו־ארדער ברענטש פון דער קליידער אינדוסטריע אין דייטשלאנד עקזיסטירט (פונקט ווי אין ענגלאנד און שווייצאריען) א נאציאנאלער לוין־אגרימענט, אין וועלכען עס איז באשטימט די צייט וואס דארף נעמען אויפצומאכען א גארמענט און פאר ספעציעלע ארבייט. די שכירות ווערען דא אויסגערעכענט אין אנקלאנג מיט די פארשריפטען פון דיזען אגרימענט אויף דעם באזיס פון באשטימטע צייט רייטס. רייטס פאר שטיק ארבייטער ווערט באשטימט דורך דער צאהל ארבייטס שטונדען אויף דעם באזיס פון א שעה לוין.

פאר אויפנעהען א לאנגען סעק קאוט מיט פינף קעשענעס (איינשליסענדיג איין מאל צומעסטען) עקזיסטירען די פאלגענדע זיבען סעריעס:

שטונדען:

	VII	VI	V	IV	III	II	I
פענטס	7½	7¾	8	8½	9	9½	10
וויסטקאוטס	6½	7¼	7½	7¼	8	8½	9
לאנגע סעק קאוטס	20	21	22	23	24	25	26

פון דאס אויבען געבראכטע איז צו זעהן, אז אין דייטשלאנד עקזיסטירט נאך שטיק ארבייט אין דער שניידער אינדוסטריע. אבער איין אומגינסטיגע באדינגונג פון דיזער סיסטעם איז אפגעשאפט געווארען דורך א פונקט אין דעם נאציאנאלען לוין אגרימענט, וואס לעזט זיך ווי פאלגט:

„די ארבייטער וואס ווערען באשעפטיגט אין ווערקשטאטען אויף א באזיס פון שטיק ארבייט זאל גאראנטירט ווערען 87 מיט א האלב פראצענט פון די שכירות וואס וואלט געקומט ווען לויט דער צאהל שעה'ען וואס וואלט געארבייט געווארען אויף דעם באזיס פון וואך ארבייט, ווי עס איז פארגעשריבען געווארען אין דעם לוין אגרימענט. ווען די צאהל פארברויכטע ארבייטס שעה'ען איז ווייניגער דארף צו די 87 און א האלב פראצענט צוגעגעבען ווערען צו פיר פראצענט פאר יעדע איינגעשפארטע אכט שעה, ביז עס וועט געבראכט ווערען צו א מאקסימום פון 92 מיט א האלב פראצענט.

אום צו געבען א באגריף וועגען די עקזיסטירענדע שטיק ארבייט רייטס אין דייטשלאנד ברענג איך דא א טאבעלע וואס ציינט די צייט ארבייט רייטס וואס זיינען אנגענומען אין פארשידענע שטעדט. די טאבעלען גיבען אויך א פארשטעלונג וועגען די אויסבעסערונגען אין ארבייטס שטונדען, צייט רייטס און טעגליכע פארדינסטען.

מעיד־טו־ארדער שניידעריי (פאר מענער)

שטאדט	ארבייטס־שטונדען 1914 (16 א טאג) צייט רייטס מארקען	טעגליכער פארדינסט מארקען	ארבייטס־שטונדען אקטאבער 1920 (8 א טאג) צייט רייטס מארקען	טעגליכער פארדינסט מארקען	פארהעכערונג אקטאבער פון 1914—1920 צייט רייטס ס"ה	%	טעגליכער פארדינסט ס"ה	%
בערלין	0,70	7,00	6.30	50,40	5,60	800	43,40	620
שטעטין	0.52	5.20	4.80	38.40	4.38	842	33.20	638
שטוטגארט	0,63	6,30	5,00	40,00	4,37	694	33,70	535
ברעמען	0.57	5,70	5,00	40.00	4.43	111	34,30	602
דאנציג	0,53	5,30	4.80	38,40	4,27	806	33,10	625
דוסעלדארף	0.64½	6.45	6.60	52,80	5,95½	923	46.35	719
פראנקפורט א. מ.	0.65	6,50	5,75	46,00	5.10	785	39,50	608
האמבורג־אלטאנא	0,65	6.50	5,75	46.00	5,10	785	39,50	608
האנאווער	0.52	5,20	4.90	39,20	4,38	842	34,00	000
לייפציג	0.56	5,60	5,00	40,00	4,44	793	34,40	614
מאגדעבורג	0,55	5,50	4,90	39,20	4,35	791	33,70	613
מינכען	0,60	6,00	5.00	40,00	4,40	733	34,00	567
ניורענבערג	0,53	5.30	5,00	40,00	4,47	843	34,70	655

פון דעם איז צו זעהן, אז דער טעגליכער לוין אין בערלין איז געהעכערט געווארען אויף 620 פראצענט. לויט די ציפערען פון דעם אפיצילען אינדעקס איז אבער צו זעהן, אז די פרייזען אויף לעבענס מיטעל אין דעם פעריאד פון 1914 ביז נאוועמבער, 1920, איז פארגרעסערט געווארען אויף 1.182 פראצענט. דיזע ציפערען גיבען א גענוגענדע פארשטעלונג וועגען די מיזעראבעלע באדינגונגען אונטער וועלכע עס לעבען אונזערע דייטשע קאמעראדען. ווען מען נעהמט נאך אין אנבאטראכט, אז זינט נאוועמבער, 1920, זיינען די פרייזען אויף לעבענס מיטעל געשטיגען נאך העכער, איז פארשטענדליך, אז די קליידער ארבייטער אין דייטשלאנד גרייטען צו א נייע באוועגונג פאר א לוין־העכערונג. די הערען פון ווערסאל, וועלכע האבען דיקטירט דייטשלאנד זייערע שלום באדינגונגען האבען גענוג אורזאכען צו זיין צופרידען מיט די רעזולטאטען פון זייער ארבייט. די באדינגונגען פון דעם ארבייטער קלאס אין דייטשלאנד זיינען ערשטוינענד.*)

שטיק ארבייט רייטס אין דער רעדי־מעיד אפטיילונג אין דער שניידער אינדוסטריע אין דייטשלאנד.

איך וועל ברענגען א טאבולירטען איבערבליק איבער די שכירות וואס איז ערדייכט געווארען אין דיזען טייל אין פארשידענע שטעדט, ווי אויך די ענדערונגען אין די שטיק ארבייט פרייזען אין דעם פעריאד פון 1914 ביז אקטאבער, 1920.

אין דיזען טייל פון דער קליידער אינדוסטריע אין דייטשלאנד איז נאך היינט ניטא קיין נאציאנאלער אגרימענט; עס עקזיסטירט נאך דער אלטער שטיק־ארבייט סיסטעם.

*) מיר דערוויסען זיך יעצט, אז די באוועגונג פאר א לוין־העכערונג, וואס ווערט פאראויסגעזאגט אין דעם באריכט, איז שוין אונטערנומען געווארען, אבער לײדער אהן ערפאלג. לויט די באריכטען וואס מיר האבען געקראגען לעצטענס, האבען די שניידער אין בערלין דעם 7טען פעברואר דערקלערט א סטרייק, וואס האט אנגעהאלטען ארום צוויי וואכען, און האט זיך געענדיגט מיט א נידערלאגע פאר די ארבייטער.

סינגעל ברעסט סעק קאוט, 1914 — אקטאבער, 1920

	1914 ר. ב. מארקען	1914 I מארקען	1914 II מארקען	1914 III מארקען	1920 ר. ב. מארקען	1920 I מארקען	1920 II מארקען	1920 III מארקען
בערלין	8,70	6,20	5,40	4,60	78,20	51,95	46,55	41,20
העמבורג	8,70	6,35	5,50	4,60	78,20	53,00	47,25	40,00
מינכען	6,75	5,65	5,10	4,50	65,80	48,20	44,55	40,50
שטעטין	5,00	3,40	3,10	2,80	54,00	33,10	31,05	29,00

סינגעל ברעסט סעק קאוט, 1914 — אקטאבער, 1920

	1914 ר. ב. מארקען	1914 I מארקען	1914 II מארקען	1914 III מארקען	1920 ר. ב. מארקען	1920 I מארקען	1920 II מארקען	1920 III מארקען
בערלין	12,30	8,50	7,75	7,00	99,90	67,50	62,40	57,40
האמבורג	12,30	8,50	7,75	7,15	99,90	67,50	62,40	—
מינכען	—	7,90	7,10	6,20	—	63,45	58,05	31,85
שטעטין	6,50	4,55	4,30	4,00	54,00	54,30	39,10	37,10

אין דער אויבען געבראכטער טאבעלע ווערט מיט די איניציאלען ר. ב. באצייכענט „ריטייל באשטעל", און דער קאלום III שטעלט פאר „האלסייל באשטעל".

דער צענטראלער עקזעקוטיוו קאמיטעט פון דער פעדעראציע פון קליידער ארבייטער האט אין פארלויף פון פילע חדשים געזוכט צו ערדייכען א נאציאנאלען לוין אגרימענט פאר דעם רעדי מעיד טייל פון דער אינדוסטריע. ווי עס ווערט אנגעציינט פון דעם רעדאקטאר פון דעם „באקליידונגס ארבייטער", איז דער וויכטיגסטער פונקט אין דעם פארגעשלאגענעם לוין־אגרימענט דער טייל וואס ציינט — אזוי ווי אין דעם פאל פון „מעיד־טו־ארדער" — די צייט, וואס פאדערט זיך אויפצונעמען אן ארטיקעל, ווי אויך די צייט פאר עקסטרא ארבייט. די פארהאנדלונגען אין צוזאמענהאנג מיט דיזען פארשלאג זיינען אפגעבראכען געווארען דורך דער אפאזיציע פון דער זייט פון די ארבייטס־געבער. דער רעזולטאט פון דעם איז געוועזען די ענטשטעהונג פון א גרויסען סטרייק אין האמבורג. עס איז זעהר מעגליך, אז דיזער דיספוט זאל זיך פארשפרייטען איבער גאנץ דייטשלאנד, דער רעזולטאט פון וועלכעס וועט זיין, לויט דער דערקלערונג פון דעם רעדאקטאר פון דער אויבען דערמאנטער צייטונג, אז די דייטשע רעדי־מעיד קליידער אינדוסטריע וועט געבראכט ווערען צו א קאנפליקט וואס האט ניט צו זיך קיין גלייכען אין דער פארגאנגענהייט פון דער געשיכטע פון דיזען טייל פון דער אינדוסטריע. א קאנפליקט, וועמעס ווירקונג וועט זיך לאזען פיהלען אויף דעם עקאנאמישען לעבען פון גאנץ דייטשלאנד.

אונזערע דייטשע קאמעראדען קאנען זיין זיכער אין דער איבערגעבענהייט און סאלידאריטעט פון זייערע ברידער ארבייטער איבער דער גאנצער וועלט, וועלכע פאלגען נאך די ענטוויקלונגען פון זייער קאנפליקט מיט'ן גרעסטען אינטערעס.

דער „דרייוו" פון דער נעטשוראליזיישאן אייד ליג פאר 20 טויזענד נייע סיטיזענס אין דעם יאהר 1921

די נעטשוראליזיישאן אייד ליג האט זיך געשטעלט אלס איהר אויפגאבע צו באוועגען 20 טויזענד אידישע אימיגראנטען צו ווערען בירגער פון דיזען לאנד אין פארלויף פון דעם יאהר 1921. די פארוואלטער פון דער נעטשוראליזיישאן אייד ליג זיינען זיכער, אז דיזער קאמפיין וועט זיין פונקט אזוי ערפאלגרייך, ווי דער קאמפיין פון דער ליג, וועלכער איז אנגעפיהרט געווארען לעצטען יאהר און האט געבראכט רעזולטאטען איבער אלע ערווארטונגען. 17,785 אידישע אימיגראנטען האבען זיך געווענדעט צו דער ליג אין פארלויף פון פאריגען יאהר אויסצומאכען אפליקיישאנס פאר ערשטע און צווייטע פייפערס צו ווערען בירגער און מעהר ווי א העלפט פון דיזער צאהל אפליקאנטען זיינען געווארען בירגער.

די אומשטענדען פון די אימיגראנטען אין אמעריקא האבען זיך זעהר שטארק געביטען. אויב א מאל איז בירגערשאפט געווען א לוקסוס זאך אהן וועלכער מען האט זיך זעהר שעהן געקענט באגעהן, איז עס אבער היינט צו טאג אן אבסאלוטע נויטווענדיגקייט, אהן וועלכער מען קען זיך פשוט ניט באגעהן.

די אורזאכען ווארום בירגער פאפירען זיינען אזא נויטווענדיגקייט זיינען פארשידענע, אבער זעהר דרינגענדע און פאדערען די אויפמערקזאמקייט פון יעדען אידישען אימיגראנט. עס איז יעצט א וועלט פראבלעמע פאר אידען ארויסצוראטעווען זיך פון די אייראפעאישע לענדער, וואו די אידען קומט אוים אויסצושטעהן פארשידענע פארפאלגונגען און ווערען טאג טעגליך געפייניגט. דיזע אידען זיינען שוין אויסגעמאטערט פון די גרויזאמע פארפאלגונגען און קוקען מיט אויסגעסטארטשעטע אויגען אויף דיזען זייט ים, וואו עס געפינען זיך זייערע נאהענטסטע קרובים, וועלכע זיינען בלוט פון זייער בלוט און פלייש פון זייער פלייש. קיין הילף קען ניט זיין אזוי ווירקזאם, ווי די, וואס מען זאל זיי אהער אין אמעריקא אריבערברענגען. ווייל נאך אלעמען זיינען דיזע געפלאגטע און געיאגטע באדערפטיגט אויסצורוהען זיך פון דער שטענדיגער אנשטרענגונג, זעהענדיג פאר זייערע אויגען יעדען טאג דעם טויט, און קריגענדיג ברוטאלע באהאנדלונג פון אנטיסעמיטען.

דיזע הילפע פון אריבערברענגען קרובים פון אייראפא איז לעצטענס פארשלימערט געווארען צוליב דעם וואס מען דארף באקומען די ערלויבניש פון דער אמעריקאנער רעגירונג אריינצופיהרען זיי. דיזע ערלויבנים ווערט געגעבען נאר צו די יעניגע וועלכע זיינען בירגער פון דיזען לאנד, אדער וועלכע האבען אמווייניגסטען ארויסגענומען זייערע ערשטע פייפערס צו ווערען בירגער. אזוי ווי געזאגט, די יעניגע וועלכע האבען קרובים אין אייראפא און ווילען זיי אהער אריבערברענגען מוזען זיין באוואפענט מיט נעטשוראליזיישאן פאפירען. האבען אבער די אלע, וועלכע ווילען און קענען אריבערברענגען זייערע קרובים די געהעריגע פאפירען?

דאס אליין איז ניט די איינציגע אורזאכע ווארום מען זאל האבען בירגער פאפירען. עס זיינען דא הונדערטע אנדערע אורזאכען, וועלכע זיינען ניט ווייניגער וויכטיג, ווי צום ביישפיל, ווען איהר האט קינדער וועלכע זיינען דא אויפגעהאדעוועט געווארען פון קינדהייט אויף, אבער זיינען ניט געבארען דא אין לאנד. אזעלכע קינדער זיינען ניט קיין בירגער, סיידען זייערע עלטערען זיינען געווארען בירגער איידער זייערע קינדער זיינען געוועזען 21 יאהר אלט, אדער אליין געווארען בירגער נאך דעם ווי זיי זיינען אלט געווארען 21 יאהר.

שטעלט זיך פאר אזא געשיכטע, א קינד געהט דורך פאבליק סקול, געהט דורך הייסקול, טרעט אריין אין קאלעדזש, לערנענדיג זיך פאר טיטשער. ענדיגט דיזען קאלעדזש און קען ניט באקומען קיין לייסענס צו האבען דאס רעכט צו פארנעמען א שטעלע אלס טיטשער, נאר דערפאר וואס ער איז ניט געבארען געווארען אין דיזען לאנד און זיין פאטער האט ניט געפונען פאר נויטיג צו באזארגען זיך מיט בירגער פאפירען איידער זיין קינד איז געווארען 21 יאהר אלט.

ווייסט איהר וואס פאר א שוועריגקייטען עס שטעהען פאר אזא יונגען מאן? ער אדער זי דארף ארויסנעמען ערשטע פייפערס און ווארטען צוויי יאהר צייט אום צו קענען אריינגעבען אן אפליקיישאן פאר צווייטע פייפערס, און אין פארלויף פון דיזע צוויי יאהר דארף דיזער געשטודירטער לעהרער, אדער לעהרערין, ווארטען, ניט האבענדיג קיין מעגליכקייט צו פארנעמען א שטעלע אלס טיטשער אין סקול. אזעלכע פעלע האט די נעטשוראליזיישאן אייד ליג געהאט פילע און דאס איז צו פארדאנקען די עלטערען, וועלכע פארנאכלעסיגען זייער פליכט צו באזארגען זיך מיט בירגער פאפירען.

אן אנדערס מאל וועלען מיר אנגעבען אנדערע אורזאכען ווארום עס איז א נויטווענדיגקייט צו ווערען א בירגער.

אידישע אימיגראנטען, טוט אייער פליכט און באזארגט זיך גלייך מיט ערשטע, אדער צווייטע פאפירען צו ווערען בירגער פון דיזען לאנד. ווענדעט זיך צו דער נעטשוראליזיישאן אייד ליג, וועמעס אפיסעס עס געפינען זיך אין די פאלגענדע פלעצער:

הויפט אפיס — „פארווערטס" בילדינג, 175 איסט בראדוויי. אפען יעדען טאג פון 1 בייטאג ביז 9 אבענד; שבת פון 10 אין דער פריה ביז 6 אבענד.

הארלעמער אפיס — 62 איסט 106טע סט., יעדען מיטוואך און שבת אבענד פון 6 ביז 9 אבענד.

בראנקסער אפיס — 1330 ווילקינס עוועניו, יעדען מאנטאג אבענד, פון 6 ביז 9. 1167 באסטאן ראוד, יעדען דאנערשטאג אבענד פון 8 ביז 10.

ווילימסבורגער אפיס — 61 גרעהעם עוועניו, יעדען מאנטאג און מיטוואך אבענד פון 7 ביז 10.

בראנזווילער אפיס — 229 סעקמען סטריט, בראנזווילער לייבאר לייסעאום, יעדען דינסטאג און שבת אבענד, פון 6 ביז 9 אבענד.

געשיקט פריי

אויב אייך אינטערעסירט דער אמת'ער לעבען און איהר האט הנאה פון רעאליסטישע ערצעהלונגען און בילדער, דארפט איהר זיך פארשאפען ז. לעווינ'ס דריי ביכער, וועלכע ענטהאלטען 58 גרויסע און קלענערע ערצעהלונגען און 10 איין אקטערס. איהר קענט קריגען די ביכער צו א ביליגערען פרייז, ווען איהר ארדערט דירעקט פון פארפאסער. שיקט צו א פאסטאל קארד מיט אייער אדרעס און איהר קריגט צוגעשיקט פריי א גרויסען סירקולאר מיט'ן פולען אינהאלטס־פארצייכניס פון די ביכער און אויסציגע פון די ארטיקלען וואס אב. קאהאן, ש. ניגער הלל ראגאף און אנדערע קריטיקער האבען וועגען די ביכער געשריבען. אגיך ווי אזוי איהר קענט קריגען די ביכער ביליגער פון געוועהנליכען פרייז. אדרעסירט:

Z. LEVIN,
276 East Broadway, New York.

גאנדא צווישען די מיידלאך.. זיי זיינען גאנץ אפען אין זייער קאמף ארויסצו־טרייבען די אינדוסטריען פון סקרענטאן... דיזע יוניאנס זוכען צו קאנטראלירען די אינדוסטריען, און זייער קאנסטיטושאן גופא ערקלערט, אז זיי זוכען אויפצובויען א קלאסען־באוואוסזיין און צו שטירצען דעם קאפיטאליסטישען קלאס.״

פון דער ציטאטע איז ערשטענס קלאר, אז די סקרענטאנער מאנופעקטשורערס האבען גענומען א לעסאן ביי דעם לאיער פון די שניידער מאנופעקטשורערס פון ניו יארק. זיי זאגען נאך זיין תורה כמעט ווארט פאר ווארט, און, צווייטענס, פיהלט זיך פון דעם גאנצען ארטיקעל גאנץ שטארק, אז זייערע ביזנעס זיינען אויף גרויסע צרות, און דאס די ארבייט פון אונזער ארגאנייזער געהט ניט אין גיוועץ.

זיי מעגען דערום נאך אזוי הויך שרייען: „באלשעוויקעס, באלשעוויקעס!״ עס וועט זיי ניט העלפען. זייערע ארביי־טער וועלען מוזען קריגען אמת׳ע יוניאן־ווייזדשעס, אדער זייער ארבייט וועט נע־באך בלייבען ניט געמאכט.

* * *

די אינדזשאנקשאן קייסעס.

זיי מעהרען זיך ברוך השם פון טאג צו טאג, און אונזערע לאיערס קענען זיך, ליידער, ניט באריהמען מיט קיין באזונ־דערען ערפאלג אין די קארטס. עס איז קלאר דארום, אז פיל לענגער קען עס אזוי ווייטער ניט אנגעהן. דער קאמף געגען די אינדזשאקשאס וועט מוזען אנ־נעמען א גאנץ אנדער געשטאלט. מ׳ר מיינען, אז באלד, באלד וועט עס ווערען צו שווער פאר יעדער יוניאן באזונדער צו פיהרען דעם קאמף געגען די אינ־דזשאנקשאן־מגפה, נאר אלע יוניאנס צו־זאמען וועלען מוזען אויפנעהמען דעם שווערען קאמף.

אונזער אינטערנעשאנאל וואלט עס שוין געטאן פריהער און זיך געווענדעט צו דער א. פ. אוו ל., אז די פראגע פון אינ־דזשאנקשאנס זאל אויפגענומען ווערען, און אז עס זאל אנגעפיהרט ווערען א גרוי־סער שטארקער פובליסיטי־קאמפיין געגען דעם. אבער א געוויסער געפיהל פון שאנדע האט איהר אפגעהאלטען דערפון. דער פאקט איז, אז די גאנצע אינדזשאנק־שאן־ביזנעס איז א י ן א י ד י ש ע ה ע נ ט. דער גאנצער אויפטוער פון די אינדזשאנקשאנס, דא אין ניו יארק, איז א געוויסער אידישער לאיער. די מאנו־פעקטשורערס, וועלכע פארלאנגען די אינ־דזשאנקשאנס, זיינען אחינו בני ישראל, און די דזשאדזשעס, וועלכע גיבען ארויס די אינדזשאנקשאנס, זיינען ווידער אידען. די גאנצע אינדזשאנקשאן ביזנעס האט אלזא א אידישען ווידער־טעם, און פאר א אידישע ארבייטער ארגאניזאציע איז עס געווים ניט זעהר אנגענעם זיך צו ווענדען צו דער אלגעמיינער ארבייטער־באוועגונג, אז זי זאל זיך אריינווארפען אין קאמף גע־גען אינדזשאנקשאנס, וועלכע ווערען אינ־זשענירט פון אידען, פאר אידען און דורך אידען.

אבער אונזער אינטערנעשאנאל וועט זיך דאך ניט קענען העלפען. געווים קען עס פארשטארקערען דעם געפיהל פון אנ־טיסעמיטיזם, וועלכער איז זיכער דא אין מאנכע יונאנס און ביי מאנכע ניט־אידי־שע ארבייטער־פיהרער. די אינטערנע־שאנאל וואלט עס געוואלט אויסמיידען. אבער וואס קען זי טאן געגען דעם מבול פון אינדזשאנקשאנס אויף פארשידענע לאקאלס, און וועלכע מוזען באקעמפט ווע־רען פיל שטארקער, ווי זיי זיינען ביז איצט באקעמפט געווארען? צי זי וויל, צי ניט, וועט די אינטערנעשאנאל מוזען דארום סוף כל סוף זיך ווענדען צו דער ארבייטער־באוועגונג אין אלגעמיין. און זאל דער אנטיסעמיטיזם דורך דעם פאר־שטארק ווערען, וועט די שולד פאלען אויסשליסליך אויף די קעפ פון אונזערע אידישע, און אפשר, נאך זעהר פרומע מא־נופעקטשוערס. זיי, מיט זייערע מעשים, מיט זייערע ווילדע אטאקעס אויף די אר־בייטער, מיט זייער געלט־גייציגקייט, וואס ווייס ניט פון קיין שיעור און קיין מאס, מיט זייער הארצלאזער פראפיטי־רעריי, — זיי עפענען טיר און טויער פאר דעם אנטיסעמיטיזם אין אמעריקא.

אונטערהאלטונג פון די סטו־דענטען קאונסילס.

שבת אווענד, דעם 9טען אפריל, וועט אין דער דייגינג רום פון דער וואשינג־טאן אירווינג הייסקול פארקומען א ברידערליכער אונטערהאלט פון די סטו־דענטען־קאונסילס און די לעהרער פון די קלאסען.

א טיקעט קאסט בלויז 30 סענט, אויף צו דעקען די אויסגאבען פון בופעט. די טיקעטס זיינען צו באקומען אין עדיוקיי־שאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקוועער, רום 1008, און ביי די מיטגלידער פון די סטודענטען־קאונסילס.

די ארבייטער זיינען „אלרייט״ נאר די יוניאנס טויגען נישט...

פון ה. לאנג.

די נייעסטע מעטהאדע פון דער קא־פיטאליסטישער פרעסע אין איהר פרא־פאגאנדא פאר „אפען שאפ״ און רעדו־צירען ווייזדשעס איז צו שרייען, אז די ארבייטער זיינען „אלרייט״, נאר די יוניאנס זייערע טויגען נישט.

ווער עס פאלגט נאך, ווי אזוי די קאפיטאליסטישע פרעסע רופט זיך לעצ־טענס אפ אויף ארבייטער־פראגען און ארבייטער־פאסירונגען אין לאנד, דער זעהט, אז דאס איז דער איינדרוק, וואס זיי ווילען מאכען. די ארבייטער, הייסט עס, האבען גארנישט דאגעגען, אז מען זאל רעדוצירען זייערע ווייזדשעס; זיי ארט ניט, אז עס זאל איינגעפיהרט ווע־רען „אפען שאפ״ אין די „פלענטס״, וואו זיי ארבייטען; נאר די יוניאנס — זיי זיינען דאס געגען דעם, און זיי, די יוניאנס, הייסט עס, מאכען דאס אן אלע צרות.

עס געהט ניט אוועק א טאג, וואס די אדער יענע גרויסע ענגלישע צייטונג זאל ניט דרוקען נייעס, אז די און די ארביי־טער האבען מיט צופריעדענהייט אנגע־נומען דעם פארשלאג פון זייערע באסעס, אז זיי, די ארבייטער, זאלען אראפלא־זען פון זייערע ווייזדשעס. און די נייעס ווערט „געפיטשורט״. מען מאכט אלער־ליי „קעפלאך״ אויף דעם; מען שטעלט עס אריין אין „באקסעלאך״; און מען באנוצט זיך מיט אלערליי פארמען פון צייטונגס־סענזאציעס, אז דאס זאל „רייסען״ די אויגען פון לעזער.

און די קאפיטאליסטישע צייטונגען מוזען אזוי טאן. ארויסטרעטען אפען געגען די ארבייטער, זאגען אפען, אז די ארבייטער טארען ניט פראטעסטירען געגען דעם, וואס מען וויל פארערגערען זייער לאגע וואלט געווען צו האמעטנע. די קאפיטאליסטישע פרעסע פיהרט דאך איהר קאמפיין פאר „אפען שאפ״ און קלענערע ווייזדשעס אין נאמען פון „פאבליק״ און זאגען, אז די ארבייטער זיינען ניט קיין טייל פון דעם „פאבליק״ קען מען דאך ניט. זאגט מען, אלזא, אז די ארבייטער אליין זיינען אויף צו־פרידען; נאר די יוניאנס „באהערשט״ פון ניט קיין פאטריאטישען עלעמענט, זיינען געגען דעם.

און דערהערט די קאפיטאליסטישע פרעסע, אז יוניאנס זיינען אפיציעל איינ־געגאנגען אויף א רעדאקשאן אין וויי־דזשעס איז גאר הימעל עפען זיך פון דער פרייד, וואס עס באפאלט איהר.

אט דאס הייסט א „פאטריאטישער טהאט!״ אט דאס הייסט זיין „געטריי דעם לאנד!״ אט דאס הייסט „קלוגע, בארעכענטע פאליסי!״

איז דאס טאקי אמת? זיינען די ארבייטער ווירקליך צופרידען, ווען מען נעהמט זיי אראפ פון די ווייזדשעס? זיינען זיי צופריעדען צו לאזען איינפיה־רען „אפען שאפ?״

פון די ניט ארגאניזירטע ארבייטער איז אפגערעדט. די ניט ארגאניזירטע ארבייטער זיינען הפקר. די בעלי־בתים פון ניט קיין ארגאניזירטע פאב־ריקען טוען וואס זיי ווילען. מעלדען זיי, אז זיי רעדוצירען די ווייזדשעס — נעהמען עס די ארבייטער צו אהן פרא־טעסט. ווארים, וואס קענען זיי זיך נע־באך העלפען? זיי זיינען טאקי אונצו־פריעדען; די הארץ גיט זיך זיי א צא־פעל, ווען זיי געפינען נאך א וואך אר־בייטען א קלענערען „פעי ענוועלאפ״; אבער זיי פיהלען, אז זיי קענען זיך אין דעם מאמענט ניט העלפען און זיי נעה־מען עס צו מיט געבויגענע קעפ און פארדריקטע הערצער.

אלזא, דא האנדעלט זיך ניט וועגען די ניט־ארגאניזירטע ארבייטער. די פראגע איז: ווי נעהמען דאס אויף די ארגאניזירטע ארבייטער?

און וועגען דעם איז אזוי:

עס איז ליידער אמת, אז ארבייטער פון מאנכע, אפילו ארגאניזירטע טריידס פארבייסען אויף די ליפען און שווייגען, ווען מען נעהמט ביי זיי אראפ פון די ווייזדשעס. עס איז ליידער אמת, אז פיעלע יוניאנס געהען איין אויף דעם. די יוניאנס רעכענען זיך מיט די אומשטענ־דען, אונטער וועלכע זיי געפינען זיך און אנשטאט צו ערקלערען א סטרייק און אויסמאטערען די כוחות און דאן ערשט סעטלען אויף א קאמפראמיס מיט א רע־דאקשאן אין ווייזדשעס, פראבירט מען קומען צו אן אויסגלייך, איידער עס קומט צו א סטרייק.

אלזא, עס איז אמת, אז ארבייטער און זייערע יוניאנס זיינען איצט אפט געצוואונגען איינצוגעהן אויף קאמפרא־מיסען. אבער די ארט און ווייזע, ווי אזוי די קאפיטאליסטישע פרעסע באריכ־טעט וועגען דעם, ווייזט אז די אלע מעל־דונגען קומען פון איין קוועלע. ערגעץ מוז זיין אן איידזשענסי, א נייעס־אייד־זשענסי, וועלכע שטעלט צו די באריכטען אין דער קאפיטאליסטישער פרעסע. און מען איז אויסען מיט דעם, ניט דעם פאקט גופא, נאר די פראפאגאנדא, וואס דער פאקט מאכט.

די אפיציעלע ארבייטער באוועגונג איז ארויסגעקומען מיט א לאזונג: קיי־נע רעדאקשאנס אין ווייזדשעס. דער „ביל אוו רייטס״, מיט וועלכען די אמע־ריקאן פעדעריישאן אף לייבאר איז ארויסגעקומען נאכ׳ן לעצטען קאנפע־רענץ פון אינטערנעשאנאל יוניאנס, מאכט גוואלדען, אז יוניאנס זאלען אונ־טער קיינע אומשטענדען ניט אננעהמען קיינע ווייזדש־פארקלענערונגען. דער „ביל אף רייטס״ שרייט, אז ניט נאר טאר מען די ווייזדשעס ניט פארקלענע־רען, נאר די ארבייטער זיינען בארעכ־טיגט צו פארלאנגען נאך גרעסערע וויי־דזשעס. און די טענה פון די בעלי־בתים, אז די אינדוסטריען קענען דאס ניט אויסהאלטען, איז פשוט ניט אמת.

היינט ווי באלד די ארגאניזירטע אר־בייטער שרייען אפיציעל אזוי, מוז מען דאך די ווירקונג, וואס דאס קען האבען, טוירטען, — טוירטעט דאס די קאפיטא־ליסטישע פרעסע מיט איהרע אפטע גע־פיטשורטע באריכטען, אז די ארבייטער נעהמען יא אן רעדאקשאנס און נאך מעהר — זיי זיינען צופרידען מיט דעם...

וואס טהוט אבער וועגען דעם די אר־בייטער באוועגונג? מיט וואס בא־קעמפט זי דעם סארט פראפאגאנדא פון די באסעס?

נאטירליך פיהרט זי א געגען־פרא־פאגאנדא. אבער עס איז א גרויסער ספק צו די געגען־פראפאגאנדא פון די יוניאנס וועט עפעס אויפטאן. צו שטארק איז איצט דער סענטימענט געגען די יו־ניאנס — אזוי שטארק, אז די ארבייטער אליין בויגען איין די קעפ און שלינגען אראפ, וואס נאר מען ווארפט זיי צו.

אט איז געווען א מערקווירדיגער פאל מיט אן ענטשיידונג וועגען א סטרייק פון מאינערס אין אלאבאמא. דער גא־ווערנאר פון אלאבאמא האט ארויסגעגע־בען אזא ענטשיידונג וועגען סטרייק, אז אלע טרייד יוניאניסטען זיינען אויפגע־ציטערט געווארען. און וואס וועט זיין דער סוף? די ארבייטער וועלען דאס אראפשלינגען.

פאסירט האט עס אזוי:

גאווערנאר טהאמאס ע. קילבי פון אלאבאמא, האט זיך אונטערנומען צו זיין אן ארביטרייטאר אין דעם מאינער־סטרייק, וואס ווערט אנגעפיהרט אין זיין סטייט, וואו עס געפינען זיך קויה־לען גרובען. דער סטרייק איז שוין דאר־טען א היבשע צייט. דיזער סטרייק קייטעלט זיך מיט דעם סטרייק פון די מאינערס אין וועסט ווירדזשיניא, וועל־כער איז באריהמט מיט דעם טערא־דארטען און מיט די בלוט־פארגליווערענ־דע פארפאלגונגען אויף די ארבייטער. עס האט געהייסען, אז אין אלאבאמא איז דער סטרייק אין א בעסערען צו־שטאנד, ווי אין וועסט ווירדזשיניא, ווייל די אדמיניסטראציע אין אלאבא־מא איז א „ליבעראלערע״. מען שמועסט אפילו, אז דער גאווערנאר פון אלאבאמא קומט פון די „ארבייטער רייהען״. ער איז אליין אמאל געווען א מאינער, און זיין גאנצע פאמיליע איז א מאינערשע.

טא הערט־זשע, וואס דער „ליבעראל־לער״ „ארבייטער״ גאווערנאר האט גע׳פסק׳ענט:

קודם כל איז דער סטרייק געווען אן אונגערעכטער; די סקעבס, וועלכע די קאמפאניס האבען אין פארלויף פון סטרייקס אריינגעבראכט, מוזען בלייבען אויף זייערע פלעצער; די סטרייקער מוזען זיך אומקעהרען צוריק צו דער אר־בייט אויף אלטע קאנדישאנס; די יו־נייטעד מאין וואירקערס אף אמעריקא, די יוניאן, הייסט עס, דארף ניט אנער־קענט ווערען און גאר ניט גענומען ווערען אין אנבאטראכט, ביים באשטימען וועל־כע עס איז ארבייטס־קאנדישאנס אין די מאינס; די סטרייקער, וועלכע פאר־לירען זייערע פלעצער, דערפאר ווייל זייערע פלעצער זיינען פארנומען געווא־רען פון סקעבס, מעגען בלייבען אויסער ארבייט, זאלען זיי געהן זוכען אנדערע דזשאבס; אי, יושר? גו, זאל די יו־ניאן זיי אויסהאלטען, ביז זיי וועלען קריגען אנדערע דזשאבס; די יוניאן האט זיי דאך גערופען אין סטרייק און אין אן אונגערעכטען סטרייק זאל די יו־ניאן זיין פאראנטווארטליך!

ווי געפעהלט אייך אן ענטשיידונג פון אן „ארביטרייטאר״?

און ווייסט איהר ווער עס האט אונ־טערזוכט דעם סטרייק פאר דעם גאווער־נאר און איהם צוגעשטעלט די פאקטען, אויף וועלכע ער בויט זיין ענטשיידונג?

דער גאווערנאר האט פאר דעם בא־שטימט א ספעציעלע קאמיטע פון דריי בירגער פון מאנטגאמערי, אלאבאמא. איינער איז דער רעדאקטאר פון דער שטאדטישער צייטונג; א צווייטער איז א ביזנעסמאן פון האלסייל גראסעריס; און דער דריטער איז א האלסייל דראג־ניסט.

אלזא, אן „אונפארטייאישע״ קאמי־טע מיט אן „אונפארטייאישען״ ארביט־רייטאר!

דאס ווייזט די שטימונג אין לאנד. דאס ווייזט, וואס די ארבייטער האבען איצט צו ערווארטען. און די ארבייטער זיינען „אלרייט״ — זיי שווייגען...

נאר מיר פארלאזען זיך אויף די קאפיטאליסטישע אגענטורען און אויף דער קאפיטאליסטישער פראפאגאנדא — גרויס קאפיטאל וועט שוין מאכען, אז די ארבייטער זאלען דאך ווען עס איז אנ־פאנגען צו רעדען... און ניט נאר די יו־ניאנס, די ארבייטער גופא העלען דאן אויפהערען צו זיין „אלרייט״ אין די אויגען פון דער קאפיטאליסטישער פרעסע.

דער זייגער

פון נחום י.

הענגט א זייגער אויף דער וואנד
יאהרען, יאהרען נאכאנאנד,
און דער אומרוה אהן א זין
וויגט זיך אום אהער־אהין,
און ער מורמעלט: טיק־טיק־טיק,
האסט קיין גליק ניט, האסט קיין גליק.

רוקען זיך די ווייזערס אום,
צייגען אן אויף עפעס שטום:
נאך א רגע, נאך א שעה, —
ס׳איז קיין האפענונג ניטא.
נאך א טאג — און נאך א נאכט —
דו ביזט שטענדיג גוט באוואכט.
און דער אומרוה: טיק־טיק־טיק,
קיינמאל געהט מען ניט צוריק.

שווינדען שעה׳ן מיט א קלינג —
א געהיימער, קלוגער וואונק:
עפעס, עפעס וועט געשעהן;
קיינער וועט ניט וויסען ווען,
קיינער קאן דאס ניט פארשטעהן —
איך וועל אבער געהן און געהן...
איילט דער אומרוה: טיק־טיק־טיק,
אייביג, אייביג איז מיין בליק.

בויג איך איין מיין מידען קאפ —
שטעל זיך צייט א ווייל אפ!
נאר דער זייגער ווייזט מיר אן,
אז עס געהט א נייער קאן....
לאכט דער אומרוה: טיק־טיק־טיק,
איך פלעכט אוים פאר דיר א שטריק...

GERECHTIGKEIT
A Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III. No. 14. — Friday, April 1, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

לענין'ס שלעכטע בעלי עצות.

פון דער זייט פון לענין'ס ראט-געבער, — ווער זיי זאלען ניט זיין — איז עס זעהר ניט קלוג געווען צו געבען איהם אן עצה זיך צו ווענדען צו דער אמעריקאנער בורזשואזער רעגירונג מיט אן אפיל, אז אמעריקא זאל ווידער אנהויבען האנדלען מיט רוסלאנד. לענין'ס ראט-געבער האבען אוודאי געגלויבט, אז הארדינג איז ניט אזא גוטער און געטרייער דינער פון קאפיטאל, ווי דער געוועזענער פרעזידענט, אדער אז דער איצטיגער סטייט-סעקרעטאר און דער גאנצער הארדינג-קאבינעט זיינען ניט אזעלכע פארביסענע בורזשואס, און דאס עס וועט מאכען אויף זיי די נעהעריגע ווירקונג דער אפיל, אין וועלכען עס ווערט געזאגט, אז רוסלאנד האט אימער געפיהלט די העכסטע פריינדשאפט צו אמעריקא, און אז די פריהעריגע רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען האט געהאנדעלט זעהר שלעכט געגען רוסלאנד, און דערפאר פארלאנגט די רוסישע סאוועט-רעגירונג, אז די פריהעריגע פאליסי זאל געענדערט ווערען. ווי שלעכט מוזען זיין די דאזיגע ראט-געבער אינפארמירט איבער אמעריקא און איהרע מושלים, ווען זיי האבען געגלויבט, אז דער דאזיגער אפיל וועט האבען אירגענד א ווירקונג.

געוויס איז דער געדאנק פון דער רוסישער סאוועט-רעגירונג געווען, אז ווי באלד זי האט אויסגעפיהרט, אז די ענגלישע רעגירונג זאל מיט איהר שליסען א האנדעלס-אפמאך, וועט שוין די אמעריקאנער רעגירונג, ווילענדיג ניט ווילענדיג, טאן דאסזעלבע.

אבער לענין און זיינע ראט-געבער האבען פארגעסען צוויי זאכען. ערשטענס, דאס דער ענגלישער רעגירונג האבען זיי געקאנט אנבאטען כמעט עטוואס פאר די דאזיגע איינוויליגונג, נעמליך, זייער ענטזאגען זיך צו פראפאגאנדירען די באלשעוויסטישע רעוואלוציע סיי אין ענגלאנד און סיי אין אלע אנדערע לענדער, וואו ענגלאנד האט א שליטה; און, צווייטענס, איז דא אין ענגלאנד אן ארבייטער באוועגונג, וועלכע האט די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו פאדערען, אז דער האנדעל מיט רוסלאנד זאל ווידער אויפגענומען ווערען.

דא אבער, אין די פאראייניגטע שטאאטען, פעהלען כמעט אין גאנצען אט די צוויי באדינגונגען: דאס פארשפרעכען פון דער רוסישער סאוועט-רעגירונג ניט צו פראפאגאנדירען די באלשעוויסטיש-קאמוניסטישע רעוואלוציע אין די פאראייניגטע שטאאטען, איז פאר אונזער רעגירונג פון גאר קיין ווערט ניט. ערשטענס, גלויבט זי, אז זי קען מיט דער פראפאגאנדע אליין גאנץ גיך פארטיג ווערען; צווייטענס, האט זי ניט קיין ברעקעל צוטרוי צו די באלשעוויקעס, אז זיי קענען און וועלען האלטען ווארט אין דער באציהונג.

וואס ווידער אנבאטרעפט אונזער גרויסער ארבייטער-באוועגונג, מיט דער אויסנאהמע פון איינינע יוניאנס, וועלכע זיינען בלויז א גאנץ קליינע מינאריטעט און פון א גאנץ קנאפען איינפלוס אין דער ארבייטער-באוועגונג, איז זי העכסט-פיינדליך צום באלשעוויזם, און איהר שטעלונג צו דער פראגע וועגען האנדעל מיט רוסלאנד אונטערשיידעט זיך ניט אויף א האר פון דער שטעלונג פון דער געוועזענער ווילסאן-אדמיניסטראציע.

אונטער אזעלכע אומשטענדען איז עס געווען ווירקליך העכסט נאאיוו פון דער זייט פון דער סאוועטען-רעגירונג צו גלויבען, אז דורך איהר גאנץ סענטימענטאלען אפיל וועט זי קענען ווייך מאכען די בורזשואזע קאפיטאליסטישע הארץ.

נאטירליך וואלט די רעגירונג פון סאוועט-רוסלאנד געקענט אנבאטען דער אמעריקאנער בורזשואזיע אן אמת-פעטען פארדינסט, און וועלכער זאל זיין אין דער זעלבער צייט פעסט גאראנטירט, וואלט די בורזשואזיע אין אמעריקא קיין מינוט זיך ניט געקווייקעלט און דער האנדעלס-אפמאך וואלט שוין לאנג געווען א פאקט. „דער גוי מעג זיך זיין טריף, אבער זיין גראשען איז כשר" איז ניט בלויז די מאטא פון דעם אידישען קרעמער; נאר פון יעדען אנדערען קרעמער. אבער דאס האט די רוסישע רעגירונג זיכער ניט געקענט צוזאגען. זי האט אפעלירט צו די סענטימענטען פון דער אמעריקאנער בורזשואזיע, זי האט איהר דערמאנט [illegible] פון די [illegible] פרייה-

שאפט צווישען רוסלאנד און אמעריקא. פארשטעהט זיך, אז מיט אזעלכע דבורים קען מען אויף אונזער בורזשואזיע גאר קנאפ-וואס ווירקען. האנדעלשאפט, יא נאו, איז ניט קיין ברודערשאפט, און דאס ערווארטעטע איז געשעהן. אנשטאט א האנדעלס-אפמאך האט סטייט-סעקרעטאר יוהז געלאזט זיך וואוילגעהן און געהאלטען א מוסר-דרשה צו דער רוסישער סאוועטען רעגירונג. ניט אנדערש, די גאנצע איצטיגע ארדנונג אין רוסלאנד מוז געשטעלט ווערען אויף אן אנדער פונדאמענט; עס מוז איינגעפיהרט ווערען צוריק די גאנצע קאפיטאליסטישע ארדנונג מיט אלע פיטשעוועקעס, אויב דער אמעריקאנער קאפיטאליזם זאל אמאל איינוויליגען צו מאכען וועלכע עס איז אינוועסטמענטס אין רוסלאנד.

איהר קענט עס אנרופען אונערהערטע חוצפה פון דער זייט פון אונזער סטייט-סעקרעטאר צו לעקטשורען דער סאוועט-רעגירונג, וואס זי זאל טאן. די סאוועט-רעגירונג איז דאך ניט געקומען בעטען קיין עצות ביי אונז. אלעס, וואס די סאוועט-רעגירונג האט פארלאנגט, איז די אויפנעהמונג פון האנדעלס-באציהונגען מיט איהר. אבער אז איהר ווילט, האט די סאוועטען-רעגירונג דורך איהר אפיל געגעבען דער אמעריקאנער רעגירונג א געוויסע בארעכטיגונג אזוי צו האנדלען: ווארים, ווי באלד די רוסישע רעגירונג בארופט זיך יע אויף דער אמאליגער פריינדשאפט פון אמעריקא צום רוסישען פאלק, קומט די אמעריקאנער רעגירונג מיט איהר ערקלערונג, אז זי איז צום רוסישען פאלק נאך אימער אזוי פריינדליך, און דאס זיינע ליידען מאכען איהר פשוט א לאך אין הארצען, און דערפאר פיהלט זי זיך בארעכטיגט צו קומען צו איהם מיט איהר עצה און איהם זאגען, אז מיט דעם בעסטען ווילען קען זי איהם ניט העלפען, ווייל אזוי לאנג ווי די איצטיגע ארדנונג, דער באזיס פון וועלכער איז אבוועזענהייט פון דעם הייליגען פריוואט אייגענטום, וועט בלייבען באשטעהן, איז איהר הילף פון גאר קיין ווערט ניט. זאל עס צוריק איינפיהרען דעם קאפיטאליזם, וואס איז פון איהר שטאנדפונקט דאסזעלבע, ווי די אויפלעבונג פון א שטארקע פראדוקציע אין רוסלאנד, דאן וועט רוסלאנד שוין ווערען מיט לייטען גלייך, און די אמעריקאנער בורזשואזיע וועט מיט איהר קענען האבען געשעפטען.

וואס איז אבער איצט צו טאן, אז אמעריקא זאל דאך איינוויליגען צו האנדלען מיט רוסלאנד? דאס איינציגע, וואס קען און מוז געטאן ווערען, איז צו זעהן וואס מעהר און מעהר ווירקען אויף דער עפענטליכער מיינונג, אז דער האנדעל צווישען רוסלאנד און אמעריקא איז פון דער העכסטער וויכטיגקייט ניט בלויז פאר רוסלאנד, נאר אויך פאר אמעריקא, הויפטזעכליך פאר דעם אמעריקאנער ארבייטער. און דערפאר מוז צווישען די ארבייטער, צווישען די גרויסע מאסען ארגאניזירטע ארבייטער, געפיהרט ווערען א שטארקע אויפקלערונגס ארבייט, אז צו האנדלען מיט רוסלאנד מיינט בשום אופן ניט, אז מען מוז דוקא איינפארשטאנען זיין מיט דעם באלשעוויזם, מיט דעם סאוועט-רעזשים; און אז וועגען דעם, צי דער איצטיגער רעזשים אין רוסלאנד איז גוט אדער שלעכט, האט צו ענטשיידען דאס רוסישע פאלק אליין. די דאזיגע אויפקלערונגס-ארבייט צווישען די גרויסע ארבייטער-מאסען טאר ניט אויפגעגעבען ווערען, נאר זי מוז איצט אויפגענומען ווערען מיט א גאנץ באזונדערער ענערגיע. און עס קען זיין, אז די הארדינג-אדמיניסטראציע זאל אליין אין גיכען קומען צו א גאנץ אנדער מיינונג, און זאל דאך געבען איהר הסכמה צום האנדעל מיט רוסלאנד.

אין דעם ענטפער פון סטייט-סעקרעטאר יוהז איז איבערגעלאזען געווארען אן עפענונג פאר דער ענדערונג פונ'ם איצטיגען באשלוס. ער זאגט, אז אויב די אדמיניסטראציע וועט זיך איבערצייגען, אז אין רוסלאנד האבען זיך געענדערט די עקאנאמישע אומשטענדען, וועט זי מיט צופרידענהייט אויפנעהמען די באווייזע וועגען דעם. און מיר צווייפלען ניט, אז די ברייטע, שטארקע עפענטליכע מיינונג פון דער גרויסער ארבייטערשאפט קען דער רעגירונג פון אמעריקא מאכען מיט אמאל

דערוועהן, אז די אומשטענדען אין רוסלאנד האבען זיך באדייטענד געענדערט צום בעסערען.

* * *

דער גרויסער מאראלישער זיג פאר גענ. דעבס.

דער פאקט, אז די נייע הארדינג-אדמיניסטראציע האט ארויסגערופען אין וואשינגטאן דעבס'ען פאר א קאנפערענץ מיט דעם נייעם אטארני-דזשענעראל, און נאך מעהר דער פאקט, דאס דעבס איז געפאהרען נאך וואשינגטאן, אלס פאלשטענדיג פרייער מענש, אהן אירגענד א שומר און באשיצער, איז פאר דעבס'ען און פאר דער גאנצער באוועגונג, וועלכע ער רעפרעזענטירט, דער גרעסטער מאראלישער זיג, וואס קען נאר געמאלט זיין, און צו גלייכער צייט דער הילכיגסטער פאטש אין פנים, וואס די געוועזענע ווילסאן-אדמיניסטראציע האט געקענט קריגען פאר איהר באציהונג צו דעם אלטען פרייהייטס-קעמפער.

באטראכט נאר גוט. ערשט מיט א פאר וואכען צוריק איז דער דעבס-פאל פארגעבראכט געווארען פאר פרעזידענט ווילסאן. פאלמער, דער געוועזענער דזשענעראל אטארני, אליין, איז געקומען בעטען פאר דער באפרייאונג פון דעבסען. און ווילסאן האט מעשה רוסישער צאר צוריקגעוויזען דעם דאזיגען פארלאנג מיט איין ווארט „דענייד", ניט האלטענדיג זאגאר פאר נויטיג צו געבען די מינדעסטע ערקלערונג פאר זיין צארישען „ביט פא-סעמו". באלד נאך דעם איז דעבס ארויסגעקומען מיט די שארפסטע ווערטער געגען ווילסאן, און דערפאר האט ער געקראגען זיין שטראף: פאר א פאר וואכען צייט האט מען פון דיזען „געפעהרליכען פארברעכער" צוגענומען דאס רעכט צו זעהן זיך מיט זיין לאיער זאגאר, אדער צו שרייבען א בריוועל צו זיינע פריינד.

און אט קומט די נייע אדמיניסטראציע און ווייזט ארויס צו דיזען פארברעכער דעם העכסטען צוטרוי. זי רופט איהם ארויס קיין וואשינגטאן, און טוט איהם אן די גרעסטע עהרע, דאס זי פארלאזט זיך אויף זיין עהרען-ווארט, און גיט איהם ניט מיט קיין שומר אויף זיין רייזע. דעבס' ווארט איז פאר איהר גענוג. קען נאך זיין א גרעסערע אנערקענונג פאר דעם כאראקטער פון דעבס? און וואס איז דעבס לעגאל? א פארברעכער וועלכער איז פאראורטיילט געווארען צו צעהן יאהר פריזאן; וועלכער, לויט דעם אורטייל איז א פאררעטער צו זיין לאנד, צו זיין פאלק. און דאך קומט די אדמיניסטראציע און לאדט דעם געפעהרליכען פארברעכער איין צו א קאנפערענץ מיט דעם דזשענעראל-אטארני אין וואשינגטאן. בנאמנות, דיזע האנדלונג האט א פיל, פיל גרעסערע באדייטונג, ווי די באלדיגע באפרייאונג פאר דעבס, וועלכע וועט ווארשיינליך באלד נאכפאלגען.

מיט דער דאזיגער האנדלונג אליין האט די נייע אדמיניסטראציע ערקלערט אזוי הויך, ווי עס קען נאר זיין, אז דער גרויסער פריזאנער אין אטלאנטא פריזאן איז א מענש פון דער העכסטער עהרע, פון די טיפסטע ערנסטע איבערצייגונגען. און אז צו האלטען אזא מענשען אין געפאנגענשאפט איז א שאנד ניט פאר איהם, נאר פאר זיינע געפענגנים-וועכטער.

האט די איצטיגע אדמיניסטראציע ווירקליך דאס באצוועקט? מיר וויסען עס ניט. גיכער פון אלץ איז דער שריט געווען א גאנץ אונבאוואוסטזיניגער. אבער אט די אומבארעכענטקייט פון דעם שריט מאכט איהם נאך באדייטונגספולער, און נאך גרעסער איז דער מאראלישער זיג פון דעבס און זיינע איבערצייגונגען, וועלכע ער האט פארטיידיגט זיין גאנצען לעבען.

מעגליך, אז ווען הארדינג און דאהערטי וואלטען געקאנט פאראויסזעהן, ווי די גאנצע קאפיטאליסטישע פרעסע וועט קריצען מיט די ציין געגען אזא אונערהערטע באהאנדלונג פון א פריזאנער, און נאך וואס פאר א פריזאנער, וואלטען זיי אפשר אנדערש געהאנדעלט. אבער גראדע דאס, וואס אן אינערליכער און אמת-מענשליכער געפיל האט זיי געצוואונגען צו האנדלען אזוי שעהן, אזוי אמת-מענשליך אין באצוג צו דעבס, דאס איז דאס שעהנסטע אין דעם אקט. און מיט דעם אקט אליין האט די הארדינג-אדמיניסטראציע זיך געמאכט שטארק באליבט און געאכטעט פון יעדען מענש, וועלכער קען דענקען און פיהלען גרויס און מענשליך.

אין דעמזעלבען טאג, ווען עס איז באקאנט געווארען די נייעס, ווי דעבס איז געקומען פון אטלאנטא-פריזאן נאך וואשינגטאן, איז אויך געמעלדעט געווארען, אז דער געוועזענער פרעזידענט ווילסאן האט געהאט א נייעם אנפאל פון חלשות, פון וואס ער האט געליטען אזוי אפט מיט א צייט צוריק, און פון וואס מען האט געגלויבט, אז ער איז שוין אויסקורירט. איז עס ניט מעגליך, אז צווישען דעבס'עס קומען נאך וואשינגטאן פאר א קאנפערענץ מיט אטארני דזשענעראל דאהערטי און ווילסאנ'ס פרישען חלשות-אנפאל זאל זיין א גאנץ נאהענטע סיבות הרעשה?

די פרייזשפרעכונג פון די מיינערס אין וועסט-ווירדזשיניא.

דער סטרייק פון די קוילען-מיינערס פון מינגא-קאונטי, וועסט ווירדזשיניא, וואס האט זיך אנגעפאנגען באלד מיט צוויי יאהר צוריק, און וועלכער איז נאך איצט ניט געענדיגט, האט זיך קונה שם געווען איבער'ן גאנצען לאנד ניט אזוי מיט די האנדלונגען פון דער זייט פון די סטרייקער ווי דורך די שרעקליכע אונערהערטע פארפאלגונגען געגען די סטרייקער פון דער זייט פון די קוילען-מאגנאטען. וועגען דעם סטרייק, זיין אורשפרונג און וואס די קוילען-מאגנאטען האבען געטאן אום צו צוברעכען דעם סטרייק, און הויפטזעכליך, דאס ניט דערלאזען, אז די סטרייקער זאלען זיך ארגאניזירען אין א יוניאן איז דערפאר איצט איבעריג צו ריידען. דא איז נאר נויטיג צו דערמאנען, אז דעם 19טען מאי 1920, האט א גאנג באריהמטע דעטעקטיווס ארויסגעווארפען די סטרייקענדע מיינערס פון זייערע וואוינונגען וואס האט, נאטירליך, די מיינערס אויפגעבראכט ביז צום העכסטען גראד. איידער די דעטעקטיווס האבען פארלאזען די שטעדטעל מאטעוואן נאך דעם, ווי זיי האבען שוין אפגעטאן זייער ארבייט, האט זיך פלוצלונג אנגעהויבען א שיסעריי, און דער רעזולטאט איז געווען, אז דער פיהרער פון דער דעטעקטיוו-באנדע און זעקס פון די דעטעקטיווס, ווי אויך דער מעיאר פון שטעדטעל זיינען דערשאסען געווארען.

אנגעקלאגט זיינען געווארען אין מארד 23, אבער ווען עס איז געקומען צום טרייל זיינען איינינע גלייך פרייגעלאזען געווארען, און געבליבען זיינען צום פראצעס 16. דער פראצעס האט זיך געצויגען איבער צוויי מאנאטען, און לעצטע וואך האט די דזשורי ארויסגעטראגען איהר אורטייל „אונשולדיג" געגען אלע אנגעקלאגטע.

דער אורטייל איז זיכער א גרויסער זיג פאר די מיינערס, און איז א גרויסע מפלה פאר די מינען-אייגענטימער. פאר זיי איז דער דאזיגער אורטייל א זעהר אונאנגענעמע איבעראשונג. געוועהנליך זיינען די מינען-אייגענטימער אין אזעלכע געגענדען אמת'ע צארען. די דזשאדזשעס, די געזעצגעבער, די פאלים — אלעס איז אין זייער מאכט. מען האט דארום ניט ערווארטעט, אז עס זאל זיך געפינען א דזשורי, וועלכע זאל זיין אזוי פריי און ענטשלאסען צו האנדלען געגען די אינטערעסען פון די דארטיגע צארען. דערפאר איז די דאזיגע פרייזשפרעכונג פון דער העכסטער וויכטיגקייט. קיין וואונדער, דאס ניט נאר צווישען די פרייגעשפראכענע מיינערס האט געהערשט די גרעסטע פרייד, נאר אויך צווישען דער גאנצער ארבייטער באפעלקערונג. דער דאזיגער אורטייל זאגט קלאר, אז די באפעלקערונג פון וועסט ווירדזשיניא וויל ניט מעהר דולדען דעם שרעקליכען דעספאטיזם פון די קוילען-באראנען. דער איצטיגער אורטייל איז א התראה צו די מינען-אייגענטימער פון וועסט ווירדזשיניא, אז זייער בושעווען איז צו ענדע, און אז נאר אויף זייער אייגענער געפאהר וועלען זיי קענען דינגען ווילדע רוצחים און בויאנעס אין זייער פארפאלגונגס-קאמף געגען די מיינערס, וועלכע האבען די חוצפה צו וועלען האבען דאס רעכט צו זיין ארגאניזירט.

* * *

ווידער אמאל די באלשעוויקעס.

אין סקרענטאן פיהרט אונזער אינטערנעשאנאל שוין פאר א לענגערער צייט א סטרייק ביי א געוויסער קלאוק פירמע, וועלכע איז באקאנט אונטער'ן נאמען מ. ענד מ. די אורזאכען פון סטרייק זיינען אונזערע לעזער צימליך גוט באקאנט דורך די ארטיקלען אין דער „גערעכטיגקייט" פון ברודער סעמועלס, וועלכער איז דער דארטיגער פארשטעהער פון דער אינטערנעשאנאל און פיהרט דארט אן דעם סטרייק.

ווי עס שיינט פיהלט די דאזיגע פירמע די ווירקונג פון דעם סטרייק גאנץ שטארק. מיר האבען פאר זיך דעם סקרענטאנער זשורנאל פון דעם באארד אוו טרייד, איז דארט דא א טשיקאווער לייט-ארטיקעל, וועלכער זאגט קלאר, אז די דארטיגע מאנופעקטשורערס זיינען אין הייליגער פארצווייפלונג. דער נאמען אליין פון דעם ארטיקעל רעדט גאנצע ביכער: „די ראדיקאלען טרייבען ארויס די אינדוסטריע פון סקרענטאן". דער סאב-קעפעל לאזט אויך ניט איבער קיין צווייפעל, וואס דער ארטיקעל באצוועקט: „וואס געהט סקרענטאן טאן אין באצוג צו די באלשעוויסטישע אגיטאטארס, וועלכע מאכען דא אן מחלוקות?"

און אין דעם ארטיקעל גופא ווערט ערקלערט... אבער לייענט אליין כאטש נאר איין פאראגראף: —

„עס איז שווער זיך פארצושטעלען, אין וואס פאר א פאראכטונג די דאזיגע ראדיקאלען האלטען אונזער שטאדט, אונזער פאלק און אונזערע מאנופעקטשורערס. העכסט-גוט באצאהלט, פראנטיש געקליידעט, אונטער דער מאסקע פון ארגאנייזער קומען זיי נאך סקרענטאן, שטעהען איין אין די בעסטע האטעלס, און [illegible] פיהרען זייער [illegible]

ווי צו זיין געזונד

פון דר. ב. דובאווסקי

ספרינג-פיבער און ספרינג-טאניקס. — וואָרום אזוי פיעל מענשען ליידען פון ספרינג-פיבער. — פון וואנען דאס קומט. — א ווירקזאמער און ביליגער ספרינג-טאניק.

דער פריהלינג שטעהט שוין אויפ'ן שוועל. די איינציגע וואלקענדיגע, קאלטע טעג, וואס מען באגעגנט נאך, זיינען די לעצטע אנטרינגענע פון ווינטער'ס ארמעען. דער ווינטער איז שוין באזיעגט, פריהלינג קומט.

אלס ערשטער אנזאגער פון אנקומענדען ספרינג ערשיינט געוועהנליך „ספרינג פיבער". אויף אלע גאסען באווייזען זיך דאן קראנקע מענשען. פארקיהלטע מענשען, גענעצענדע מענשען, פוילע מענשען. קאפ וועהטאג ווערט דאן אן אלגעמיינע קראנקהייט, אזא אונטערגאנג, רחמנא לצלן. די מעהרסטע מענשען פיהלען זיך עטוואס ניט מיט אלעמען, און א גרויסע צאהל מענשען ליידען דאן פון פארקעלטונג.

אזוי שנעל ווי „ספרינג פיבער" ווערט איינקווארטירט ערשיינען אין די צייטונגען אדווערטייזמענטס וועגען פארשידענע ספרינג טאניקס. די מאנופעקטשורערס אדער די פארקויפערס פון דיזע טאניקס ערקלעהרען דאס ספרינג פיבער איז אזוי בלוט קראנקהייט, און אן ערנסטע קראנקהייט דערצו. וואס איהר דארפט האבען אויב איהר ליידעט פון דיזער קראנקהייט, איז צו נעהמען אזא מעדיצין וואס זאל רייניגען אייער בלוט, און די בעסטע מעדיצין וואס איהר קאנט קריגען איז נאטירליך די מעדיצין וואס זיי מאכען און פארקויפען.

טאמער ליידעט איהר ניט פון ספרינג פיבער, דארפט איהר ערשט טאקי קויפען זייער מעדיצין, ווייל אויב איהר ליידעט ניט וועט איהר ליידען, און אויב איהר וועט ניט ליידען, קענט איהר ליידען, — הכלל, קויפט די בלוט רייניגענדע ספרינג טאניקס אזוי שנעל ווי איהר טוט אוים די ווארימע אונטערוועש, ווייל נאר דורך באצאהלען דעם פרייז פאר א ספרינג טאניק קענט איהר געהאלפען ווערען.

און עס געפינען זיך טאקי א סך קונים אויף דיזע ספרינג טאניקס, ווייל זעהר פיעלע מענשען ליידען אין אנפאנג פריהלינג פון קאפ שמערצען, פארשטאפונג און עהנליכע אונאנגענעמליכקייטען.

דאס איז דערפאר וואס אין די קאלטע ווינטער מאנאטען האלטען מיר אונזער קערפער אין א אוננאטירליכע אומגעבונג. מיר פעלצען איהם אן צופיעל מיט ווארימע קליידער. מיר הייצען אן צו ווארעם די צימערען אין וועלכע מיר לעבען און פארברייגגען די גרעסטע טייל פון טאג. מיר עסען צופיעל, ספעציעל צופיל פלייש און אנדערע פראטעין שפייזען. מיר לאזען צו גאנץ וועניג לופט צום קערפער אוים מורא פאר קעלט, און פיעלע מענשען באנוצען זיך ניט צו אפט מיט וואסער אוים מורא מען זאל זיך נאך דער באד ניט צוקיהלען.

דער רעזולטאט דערפון איז דאס צו ענדע פון די ווינטער מאנאטען איז אונזער קערפער אנגעשטאפט מיט אונריינע מאטעריאלען וואס האבען געדארפט פארלאזען דעם קערפער. אונזער הויט, דערפאר וואס מיר האבען זי געהאלטען צו ווארעם און ניט צוגעלאזט צו איהר קיין ווינטעלע, קען מעהר ניט אויסהאלטען קיין קעלט. דאס פיהרט דארום צו אפטע פארקעלטונג ווען מיר טוען אוים די ווארעמע קליידער.

דאס צופיעל איבערשטאפען אונזער קערפער מיט שפייזען אין וועלכע דער קערפער נויטיגט זיך ניט, און דאס ניט גענוג געניסען פרישע לופט פיהרט צו אן אנזאמלונג פון פארשידענע אונריינע שטאפען אין קערפער, און דאס מאכט אונז פויל, מיעד און שלעפעריג. די אפגעשוואכטע הויט פיהרט צו פארקעלטונג און ביידעס צוזאמען פיהרט צום שטאנד וואס מיר באצייכענען אלס „ספרינג פיבער".

וואס זשע דארף מען טאן אין אזא פאל? צו אלעם ערשטען דארף מען פארשטעהן דאס „ספרינג טאניקס" אין דער פארמע פון מעדיצין, פילען אדער פראשקעס זיינען נוצלאז. ניט נאר נוצלאז, נאר אויך שעדליך, דערפאר וואס דער וועלכער קויפט אזא מעדיצין פארלאזט זיך דאס די מעדיצין וועט איהם העלפען און טוט ניט די אנדערע זאכען וואס קאנען איהם יא העלפען.

אויב איהר זייט איינער פון די וואס קויפען יעדען יאהר א ספרינג טאניק אויף אויסצורייניגען דאס בלוט, און אויב איהר האט שוין היינטיגעס יאהר אויך געקויפט אזא טאניק אדער איהר וועט עס קויפען, טא טוט אזוי.

יעדע דריי שטונדען נעמט א לעפעלע פון דער מעדיצין אין א דריטעל גלאז וואסער און . . גיסט עס ארוים אין סינק, און ווען איהר וועט פארברויכען די גאנצע מעדיצין דארפט איהר זיך ערשט נעמען זיך צוגרייטען צו באגעגנען דעם פריהלינג.

מיר האבען פריהער געזעהן דאס עס זיינען דא הויפטזעכליך דריי אורזאכען פאר „ספרינג פיבער". ערשטענס וואס דער קערפער איז צופיעל איבערגעשטאפט מיט אוננוצליכע שפייז און ווערט דארום ניט געהאלטען ריין. צווייטענס וואס מען געניסט ניט גענוג פרישע לופט אין די קאלטע ווינטער מאנאטען. און דריטענס, וואס מען האלט דעם קערפער צו ווארעם און מען „צובאלעוועט" די הויט.

אום אויסצומיידען ספרינג פיבער דארף מען דארום באזייטיגען דיזע אורזאכען.

ערשטענס: אזוי שנעל ווי די פרעסט און די שטארק קאלטע טעג ענדיגען זיך דארף מען עסען וועניגער, איבערהויפט וועניגער פון אזעלכע שפייזען ווי פלייש, טשיקען, פיש, און אייער. וואס נעהענטער צו פריהלינג אלץ מעהר דארף דאס עסען באשטעהן פון מילך, פרוכט און וועדזשעטייבעלס. דאס וועט געבען דעם קערפער א געלעגענהייט זיך אויסצורייניגען פון די צופיעל אנגעזאמעלטע אונריינע מאטעריאלען. אין דיזער ארבייט דארף מען אויך העלפען דעם קערפער. דאס עסען די אויסגערעכענטע שפייזען וועט העלפען אז אין קערפער זאלען ניט אנזאמלען זיך צופיעל פרישע אוננויטיגע אדער אונריינע מאטעריאלען. מען דארף אבער אויך העלפען דעם קערפער זיך צו באפרייען פון די מאטעריאלען וואס זיינען שוין אין איהם דא. דאס קען מען טאן דורך אכטונג געבען מען זאל האבען שטולגאנג יעדען טאג און דורך נעמען אפט בעדער. דאס הייסט רייניגען דעם קערפער אינערליך און אויסערליך.

צווייטענס: א גאנצען ווינטער האבען די מעהרסטע מענשען מורא ארויסצוגעהן אין גאס. זיי געהען ארוים בלויז דאן ווען זיי מוזען און פארוויילען אין דרויסען בלויז אזוי וועניג ווי זיי מוזען. די איבעריגע צייט פארברייגגען זיי אין הויז, אין שאפ, אין אפיס, אדער וואו עס איז אבי עס איז נאר ווארעם. די מורא פאר קעלט בארויבט דארום דעם קערפער פון א גענוגענדער מאס פרישע לופט, און אהן א גענוגענדער מאס פרישע לופט ווערען אלע לעבענס פראצעסען אין קערפער אפגעשוואכט. א באוויז, דאס די קאלטע ווינטער לופט איז ניט שעדליך און פיהרט ניט צו פארקעלטונג, איז דער פאקט, דאס די מענשען וועלכע זיינען געצוואונגען, צוליב פרנסה צו פארברייגגען די ווינטער טעג אין דרויסען פיהלען זיך פיל געזונטער און ליידען פיל וועניגער פון פארקעלטונג ווי די וועלכע ציטערען ארויסצושטעקען זייער נאז אין דרויסען ווען עס איז קאלט. אזעלכע ציטערדיגע מענשען שאפען די גרעסטע צאהל קאסטאמערס פאר די „געבאטעלטע ספרינג טאניקס".

וואס אזעלכע מענשען דארפען טאן איז, אזוי שנעל ווי די שארפע קעלטען געהען פאראיבער, און זיי שטעלען זיך שוין איין ארויסצוגעהן אין גאס דארפען זיי געהען כאטש א צוויי מאל יעדען טאג און אטעמען טיעף. אריינציהען אין זיך אזוי פיעל פרישע לופט ווי נאר מעגליך.

צוויי מאל פרישע לופט יעדען טאג איז דער בעסטער, ווירקזאמסטער און ביליגסטער ספרינג טאניק וואס מען קאן נאר קריגען. וואס מעהר איהר געברויכט איהם אלץ ביליגער קאסט ער.

דריטענס: מיר האבען שוין פריהער געזעהן דאס אין פארלויף פון ווינטער ווערט אונזער הויט „צובאלעוועט". מיר געוואוינען איין אונזער קערפער צו גאנץ ווארעמע קליידער. מיר שוואכען דערמיט אפ אונזער הויט אזוי דאס זי זאל ניט קענען אויסהאלטען דעם קלענסטען קאלטען ווינטעלע. און ווען מיר טוען אוים די ווינטערדיגע קליידער איז אונזער הויט ניט געוואוינט צו קעלט, און מיר פארקיהלען זיך דאן.

וואס מען דארף טאן איז אויך ווינטער צייט ניט צופיעל אנפעלצען זיך. אבער אזוי שנעל ווי די קעלטסטע טעג פון ווינטער פארשווינדען דארף מען אנפאנגען איינגעוואוינען דעם קערפער צו קעלט. די קליידער דארפען זיין לייכטערע און מען דארף אפט באדען די הויט מיט לעבליכע און נאכהער מיט קיהלע אדער קאלטע וואסער, אום די הויט זאל זיך קענען צוגעוואוינען צו קעלט. דאס איבערגעהן פון די ווארעמע ווינטער קליידער צו די לייכטע זומער קליידער דארף צוגעהן לאנגזאם, אום צו געבען דער הויט א געלעגענהייט זיך צוגעוואוינען צו קעלט.

אויב מען טוט דאס אלעס דארף מען קיין מורא ניט האבען פאר ספרינג פיבער און מען נויטיגט זיך ניט אין ספרינג טאניקס. אויב מען טוט דאס ניט וועלען די „ספרינג טאניקס" ניט העלפען.

און פאר די וואס מוזען האבען א ספרינג טאניק, רעקאמענדירען מיר צוויי מאל פרישע לופט יעדען טאג, אפטע בעדער און לייכטערע שפייז, ספעציעל מילך מיט פרוכט. פון אלע טאניקס וואס איהר וועט זעהן אדווערטייזט אין די צייטונגען; איז דאס דער בעסטער, ווירקזאמסטער און דער ביליגסטער.

מאריקע

(סקיצע).

פון מ. שמואלזאהן.

ביז ערב פסח זיינען די מצות געשטאנען אין א באזונדער צימער. דאס דאזיגע צימער, האט מאריקע (א געשטופעלטע שיקסע וואס האט געדינט ביי אונז שוין פון יאהרען, געערדט אידיש מיט אלע לשון קודש ווערטער, געזאגט מיט אונז אלע אין דערפריה „מודה אני" און האט אונז איינגעמאכט ציצות אין די ארבע כנפות'ער) פסח'דיג געמאכט באלד נאך פורים נאך, ווען די מאמע האט געשטעלט פסח'דיגען בארשטש.

פריהער האט דאס דאזיגע צימער ביי מיר גאר קיין פלאץ ניט פארנומען. דאס איז געווען א צימער אזעלכעס וואס מען האט עס א גאנץ יאהר כמעט צו גאר ניט גענוצט. דארטען איז געשטאנען אן אלטער קאסטען באשלאגען מיט אקסענער פעל. אן אלט בעטעל מיט אן אלטער קאמאדע, וואס אלע מעשענע הענטלעך פון די שיפלאדען זיינען שוין געווען אפגעריסען און בלויז איינס, ביים הינטערשטען שיפלאד, האט זיך נאך געהאלטען אויף איין שרייפעל. אט צוליב דעם הענטעל פלעג איך יא אמאל אהינצו פארבלאנדזשעט ווערען. דאס שרייפעל האט עס אבער געהאלטען אזוי פעסט, אז עס איז געווען אונמעגליך דאס ארויסצורייסען...

ווען מען האט אבער דאס דאזיגע צימער פסח'דיג געמאכט, אריינגעשטעלט אהינצו דעם פסח'דיגען בארשטש, און פארשלאסען די טירלאך מיט א שלעסעל, האט עס ביי מיר געקראגען גאר אן אנדער אינטערעס.

דאס שלעסעל אויף די טירלאך האט מיך אזוי גערייצט, אז ו ו ע ן איך בין ניט פארבייגעגאנגען האב איך זיך גענומען אפשטעלען. א דרעה טאן מיט'ן שלעסעל און אריינקוקען דורך דער שפארונג. איך האב גוט געוואוסט אז עס איז מעהרער דארט נישטא ווי בלויז דער בארשטש. דער בארשטש אבער וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל, אין א קליינעם פעסעל אויף ברעטלאך, און איבערגעדעקט מיט א ווייסען רעקעל, מיט רויטע בוראקעווע פלעקען, און מיט א הילצערנעם פאלאניק פון אויבען, מיט וועלכען די מאמע פלעגט איהם אלע צוויי־דריי טעג אבשאמען ארומרייניגען — אט דער בארשטש איז ביי מיר ניט געווען קיין פשוט'ער בארשטש. עפעס סודות'דיגס, פארבאהאלטענעס, האט זיך מיר געשפירט פון דעם פארשלאסענעם בארשטש, אזעלכעס, וואס ניט יעדערער איז דאס ראוי צו זעהן, בלויז די מאמע מיט'ן ווייסען פארטוך, און מיט ריינע אפגעוואשענע הענט...

און וואס אמאל האט דאס צימער געקראגען פאר מיר מעהרער וויכטיגקייט. באלד איז צוגעקומען אינ'ם צווייטען ווינקעל א זאק קארטאפעל פאר פסח. נאך די קארטאפעל — צוויי טעפ פסח'דיגע שמאלץ. נאך דעם שמאלץ — צוויי פולע מאקרעטעס מיט אייער און עטליכע בינטלאך חריין, מיט ארויסגעוואקסענע גרינס ביי די קעפלאך. שפעטער איז אויך צוגעקומען אין דעם צימער דאס צוקינפטיגע פסח'דיגע געשיר: רויטע געצאצקעטע, כוס'עלאך, זאלצניצעס, פעפערניצעס, טעלערלאך און שיסעלאך, אלץ כלים אזעלכע וואס מען האט פונ'ם פאר א יאהריגען געשיר אויסגעבראכען, אדער חמצ'דיג געמאכט.

די העכסטע וויכטיגקייט, אבער, האט דאס צימער ערשט ביי מיר באקומען ווען מען האט אריינגעטראגען אהינצו די מצות.

דער גרויסער הויכער „סאלאמעניניק" (שטרויענער קארב) מיט מצות, וואס איז געשטאנען אויף א הילצערנעם קעסטעל, אין מיטען ביי דער וואנט, האט אין מיינע אויגען אויסגעקוקט אזוי ווי א קעניג, א קייסער איבער די אלע אנגעשטעלטע פסח'דיגע זאכען. און מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז ווען מען זאל מיך אריינלאזען אהינצו, בלויז א טאפ צו טאן דעם „סאלאמעניניק" פון אויבען מיט די הענט, וואלט איך געווען דער גליקליכסטער אויף דער וועלט. איך וואלט מיר אפגעוואשען ניט נאר די הענט, אזוי ווי די מאמע, נאר אפילו דאס פנים, וואס דאס איז פאר מיר פון שטענדיג געווען דאס ערנסטע...

דאס האב איך אבער בשום אופן ניט געקענט אויספיהרען, ניט אזוי איבער'ן טאטען, אדער איבער דער מאמע, ווי איבער מאריקע'ן, מאריקע האט מיך אפילו ניט געלאזט דורך דער שפארע קוקען.

— געה אוועק, קוק ניט מיט די חמצ'דיגע אויגען — פלעגט זי מיך טרייבען — מען טאר ניט, אוועק!

אט אזא מחמר'טע א שיקסע איז זי געווען.

ערב פסח, באלד פון אין דערפריה, האט מיך שוין מאריקע געטריבען ניט נאר פון דעם איינעם פארשלאסענעם צימער, נאר פון אלע צימערען, — פון דער גאנצער שטוב. וואו איך האב מיך ניט אוועקגעשטעלט איז זי אויסגעוואקסען און האט געשריען: „אוועק מיט די חמצ'דיגע הענד!" „אוועק מיט די חמצ'דיגע פיס!"

דאס איינע שטיקעל פלאץ וואס זי האט מיר איבערגעלאזט איז געווען נעבען הרובע. דארט נעבען דער הרובע איז געשטאנען די מולטער מיט ברויט, מיט די נאך ניט גע'כשר'טע שטולען, און א טישעל — דארט האב איך געמוזט שטעהן און זיך ניט א ריהר טאן...

דעם ערב פסח'דיגען חמצ'דיגען מאלצייט האט מען שוין געקאכט אין הרובע, ווייל דער אויווען איז שוין געווען גע־כשר'ט, און אויפ'ן געלען פריפעטשיק זיינען שוין געווען אויסגעשטעלט די פסח'דיגע כלים.

באלד נאכ'ן מאלצייט. וועלכער איז געווייגליך באשטאנען פון א ראסעל־פלייש פון „דרויבינקעס", ווי פופיקלאך, פיסעלאך, הערצלאך, און קליינע אייערלאך פון די פסח'דיגע הינער און אינדיקעס. — האט זיך דער טאטע גענומען צום פארבונדענעם פאלאניק מיט די שטיקלעך ברויט, מיט דעם ליכטעל און די נעגזענע פעדער, צו פארברענען דעם חמץ. און מיך האט שוין מאריקע איינגעצונען ארויסגעשטופט פון הויז.

איך האב מיך ארומגעדרעהט אין דרויסען, געבראכען די אייז־סטרעמפלאך פון דער סטריכע, זיי געזויגען, און ארויסגעכאפט זיך אלע מאל אויף אן אנדער־„טעלינע" און אונטערגעפאהרען אויף די נייע פסח'דיגע פעטער וואסער, ביז דער טאטע איז ארויסגעקומען מיט ווייסע וועש אונטער'ן ארעם, און האט מיך מיטגענומען אין באד אריין.

אין באד האט מיך דער טאטע איינגעשלעפט גאנץ אויבען אויף דער אויבערשטער באנק און האט מיך אויסגע'כשר'ט אויף אלע זייטען. איך האב געשריען און די קולות זיינען געגאנגען עד לב השמים. און ער האט געקאטעוועט מיט'ן בעזעמעל, געגאסען אויף מיר קאלטע שעפלעך וואסער, און געשלעפט מיך אין מקוה.

פון דער באד, — דער טאטע א פאררויטעלטער מיט נאסע באָרד און פאות און איך, רויט ווי א בוריק, מיט די קוימיקע וועש אונטער'ן ארעם — זיינען מיר אוועק צו חיים וויינשענקער אין וויינקעלער נאך ארבע כוסות.

ביי חיים וויינשענקער אין וויין קעלער איז ערב פסח א יאריד. חיים וויינשענקער אליין, און ביידע זיהן און ביידע איידעמס און די ווייב און די שנור און די טעכטער — אלע לויפען ארום ווי פאר־סם'טע, און אידען שטעהען און מען פארזוכט — פונ'ם „נומער איינס", פונ'ם „נומער צוויי", און פונ'ם „ווימאראזשק". און מען האלט אויפ'ן גומען און מען קנאקט מיט דער צונג, און מען קנייטשט מיט'ן שטערען און פאסמאקעוועט זיך און מען באלעקט זיך.

דער טאטע מיינער האט גענומען ארבע כוסות אויף מיין פעטער יוסף'ס מבינות. מיין פעטער יוסף איז געווען אויף זיין לעבען שוין צוויי מאל אין בעסאראביע, איין מאל אויף א תנאים און איין מאל אויף א חתונה, און ער איז געווארען א שטארקער מבין אויף וויין.

ווען מיר האבען גענומען דעם וויין, און זיינען געקומען אהיים, דענסטמאל ערשט האט מאריקע פאר מיר אבגעשאפט אלע גרעניצען.

— אצינד קענסטו געהן אומעטום — האט מיר מאריקע מתיר געווען — נאר וויש אפ די שיך פון דער בלאטע. — אצינד ביסטו שוין פסח'דיג.

און איך האב מיך צולאזט ווי א יונג צאפיקעל. א פרייע וועלט! דאס שלעסעל פונ'ם צימער ארונטערגענומען, אלעס פריי, אמען, מען קאן שטעהן וואו מען וויל, מען קאן געהן וואו מען וויל, מען קאן אפילו טאפען מיט די פינגער. קאנסטיטוציע געווארען — מאריקע זאגט ניט קיין קארטש!

די עקאנאמישע ווידערשפרוכען אין סאוועט רוסלאנד

פון ש. ראבינאוויטש.

פילע דענקען, אז די הויפט שטיינער אין דעם וועג פון דער רוסישער באלשעוויסטישער רעגירונג זיינען איהרע אויסערליכע פיינד, די בורזשואזע אימפעריאליסטישע רעגירונגען. אט זיי, מיט זייער בלאקאדע, מיט זייערע רדיפות און נגישות דערלאזען ניט, אז דער יונגער בוים פון דער סאציאליסטישער רעפובליק זאל זיך פאנאנדערבליהען און פארנאנדערצווייגען אין זיין פולען פראכט און גלאנץ.

און מען האפט, אז די עקאנאמישע אומשטענדען וועלען צווינגען סוף כל סוף די אימפעריאליסטישע מלוכות צו אנערקענען די סאוועטען מאכט, און דאן וועלען מיר האבען א מוסטער פון א גן עדן אויף דער וועלט.

אין דער ווירקליכקייט אבער איז די לאגע פון דער מאסקווער רעגירונג א פיל קאמפליצירטערע, ווי מען שטעלט זיך פאר.

די בלאקאדע איז גרוויזאם, זי פארצערט און צושטערט די לעבענס פון מיליאנען מענשען. אין עקאנאמישען זין איז עס א גרויסער אומגליק. אין מאראלישען זין, אבער, איז זי דער אייזערנער בריק, אויף וועלכען די באלשעוויסטישע רעגירונג האלט זיך פעסט.

די פיינדשאפט פון די אייראפעאישע רעגירונגען צו דער רעגירונג פון רוסלאנד, זייער מערדערישע האנדלונג דינט אלס צעמענט, וועלכער דריקט אלעמען צונויף צוזאמען. אלע שיכטען פונ'ם רוסישען פאלק, מאכט זי פאר אן איינהייטליכען קערפער, וועלכער קעמפט מיט גרויס צארן און מיט העלדישען מוט געגען זיינע מעכטיגע שונאים.

די בלאקאדע און אטאקעס פון די עליים מאכט דעם קאמף פון די רוסישע מאסען פאר א נאציאנאלען קאמף. און דערמיט ערקלערט זיך, וואס פילע צארישע גענעראלען קעמפען אין די רייהען פון די באלשעוויקעס. געוויס האבען זיי ניט אין זינען דעם סאציאליסטישען אידעאל. זיי זיינען אבער גרייט צו מקריב זיין זיך אויף דעם מזבח פון זייער פאטערלאנד.

די גרעסטע שוועריגקייטען וועלען די באלשעוויקעס באגעגנען, ווען זיי וועלען האבען די מעגליכקייט קאנצענטרירען אין גאנצען זייער אויפמערקזאמקייט אויף דער נארמאלער ענטוויקלונג פון רוסלאנד.

פון וואס פאר א באפעלקערונג באשטעהט רוסלאנד?

לאמיר אננעמען, אז דער בורזשואזער קלאס איז איינגאנצען פארשוואונדען. פאקטיש האט די בורזשואזיע אין רוסלאנד קיין גרויסע ראלע קיינמאל ניט געשפילט, פשוט דערפאר, וואס זי האט זיך נאך ניט גוט ענטוויקעלט. זי האט ערשט נעגומען אויפבליהען. און דאס איז אויך געווען די אורזאכע פארוואס מען האט איהר אזוי גרינג ארונטערגענומען פון סצענע. זי האט, פשוט, קיין כח ניט געהאט געגענצושטעלען זיך.

אלזא, האבען מיר ניט קיין בורזשואזיע. אויף דער סצענע אבער בלייבען צוויי כחות, וועלכע זיינען געגענזעצליך איינע די אנדערע: די פויערים און די ארבייטער.

אפילו איצט, ווען די אומגליקליכע רוסלאנד קען ניט אפכאפען דעם אטעם פון אלערליי אנפעלע, און דער נאציאנאלער באוואוסטזיין צינדט אן אין יעדען א פייער פון אפפערוויליגקייט, אפילו איצט לעזען מיר אין די צייטונגען און אין די באריכטען פון די באלשעוויקעס, אז עס קומט אן זעהר שווער ארויסצוקריגען ברויט ביי דעם פויער, און אז מען מוז גאנץ אפט באנוצען זיך מיט דעם פיסטאלעט אויף צו צווינגען דעם פויער ארויסצוקריגען פון די באהאלטענע פלעצער די זאפאסען ברויט. אפילו איצט לעזען מיר, אז דער איינציגער קלאס מענשען, וועמען עס לעבט זיך אין רוסלאנד גוט זיינען די פויערים. זיי ווייסען פון קיין נוים נים. ווער פארליינט מיט'ן קאפ? דער ארבייטער. און אין די איצטיגע בונטען — וועגען וועלכע איך וועל שפעטער ריידען — שפילען די פויערים, אהן צווייפעל, א גאנץ היבשע ראלע.

די פויערים אין רוסלאנד זיינען פונקט דיזעלבע, ווי אין פראנקרייך און אין אנדערע לענדער. רוסלאנד קען אין דעם נים זיין קיין אויסנאם. דאס זיינען אונענטוויקעלטע גראבע יונגען, וועלכע האבען זיך אימער געהאדעוועט אין זייער קליין שטיקעל באלעבאטישקייט, אין זייערע ד' אמות. די גאנצע וועלט האט זיך ביי זיי אימער קאנצענטרירט אויף זייער דארף, און ווייטער פון זייערע איינגעזעסענע נעסטען איז קיין וועלט נימא. דער אידעאל פונ'ם פויער איז זיין שטיקעל ערד. ווען מען בערויבט איהם פון זיין שטיקעל ערד, דאן ווערט ער א רעוואלוציאנער.

אזוי לאנג, ווי ער איז געווען אונטער'ן צארישען רעזשים געדריקט און געשטיקט און די ערד האט באלאנגט מעהרסטענטייל צו די פאמיעשטשיקעס, האבען זיך די פויערים גאנץ [illegible] צוגעהערט צו דער רעוואלוציאנערער פראפאגאנדא, און ווען די באלשעוויסטישע איבערקערעניש איז געקומען און מען האט איהם א זאג געטאן: קומט מיט אונז. נעם אלעס צו פאר זיך, די גאנצע ערד באלאנגט צו דיר! האט ער זיך טאקע ניט געפוילט און געקומען, ווי אן עכטער רעוואלוציאנער.

האט ער עס אבער שוין ארייננעקראגען, איז די ערד שוין זיינע — דאן האט ער אלע אידעאלען אין דער ערד. נאך מעהר: ער וועט ארויסווייזען א שטארקען ווידערשטאנד, ווי נאר ווער עס איז וועט, אינ'ם נאמען פון אזעלכע נארישקייטען, ווי סאציאליזם, קאמוניזם, מאכען א פארזוך אויף זיין אייגענטום.

דער פויער איז פונקט אזוי פיינדליך געשטימט צום סאציאליזם, ווי דער קאפיטאליסט, מיט דעם אונטערשייד, וואס דער ערשטער האט קלענערע השגות און איז ווענינער ענטוויקעלט, ווי דער אנדערער.

די איינציגע וועלכע קעמפען פאר'ן סאציאליזם מיט לייב און לעבען זיינען די ארבייטער.

וואלטען די פויערים געווען קליין אין צאהל, וואלט געווען נאך ניט געפעהרליך. איז דאך אבער די ווירקליכקייט א גאנץ אנדערע. די פויערים זיינען ארום 80 פראצענט פון דער באפעלקערונג!

אמאליגע יאהרען, איידער די איבערקערעניש איז פארגעקומען, איז דער מוזשיק געלעגען ניין איילען אין דער ערד. ער פלעגט ליידען הונגער, און ער פלעגט כאפען שמיץ. אויפ'ן שטאדט פלעגט דער פויער, איבערהויפט די יונגווארג, קוקען ווי אויף א גן עדן. מיט דעם אנפאנג פון אינטענסיווער ענטוויקלונג פון קאפיטאליסטישען רוסלאנד, פלעגען די פויערים פארלאזען, אין גאנץ גרויסע צאהלען די פארפלוכטע דערפער און אוועקגעהן אין פאבריק, אין שטאדט. וואלט רוסלאנד זיך ענטוויקעלט נארמאל, וואלט מיט דער צייט די צאהל פון די שטאדטישע פראלעטאריער אלץ מעהר זיך פארגרעסערט און די צאהל פון די פויערים אלץ מעהר זיך פארקלענערט. און מיט דער צייט וואלט דער פראלעטאריאט געקראגען די אויבערהאנט. דאס אלץ וואלט פארגעקומען ווען די ענטוויקלונג וואלט געווען א נארמאלע. וואס מעהר קאפיטאל ענטוויקעלט זיך, וואס שטארקער ער ווערט אלץ ווערט די צאהל פון פראלעטאריער גרעסער. קאפיטאל אהן ארבייטער קען ניט עקזיסטירען.

איז אבער אלעס פארגעקומען אין רוסלאנד — נאטירליך, צוליב פילע געוויסע עקאנאמישע אורזאכען — אייגענארטיג, ניט ווי אין אלע אנדערע אייראפעאישע לענדער. עס האט אויסגעבראכען די רעוואלוציאן און מיט איין קלאפ האט מען צוויי האזען דערשאסען, דעם מאנארכיזם מיט דער בורזשואזיע, דורך דער פאראייניגונג פון די ארבייטער מיט די פויערים.

און דער סך הכל?

דער סך הכל איז, אז אין די שטעדט, ביי די עטליכע מיליאן ארבייטער, איז הונגער און קרענק, און ביי די פויערים — די ערד.

איצט, פארשטעהט זיך, האבען זיך שוין דער ארבייטער מיט דעם מוזשיק געביטען מיט די ראלען. דער ארבייטער קוקט מיט קנאה אויף די פויערים אין דארף, ווי זיי זיינען זאט און פרעהליך, און וואלט מיט פארגעניגען אוועק צו זיי, און די פויערים הויבען אויף די הענט צו גאט און דאנקען איהם, „א דאנק דיר, גאטעניו, וואס דו האסט אונז ניט געמאכט פאר ארבייטער!"

האבען מיר אלזא אזא פראפארציע: 80 פראצענט זאטע, צופרידענע קליינע בורזשוקעס, וועלכע היטען אפ ווי אן אויג אין קאפ זייער אייגענטום, די ערד, וואס זיי האבען געקראגען אין דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע, און צוואנציג פראצענט אויסגעהונגערטע ארבייטער (א חוץ די, נאטירליך, וואס זיינען אויף רעגירונגס שטעלעס).

האבען מיר אלזא, אזא בילד: דער רעוואלוציאנערער פראלעטאריאט איז ניט צופרידען, וואס דער דארפס מענש איז בלויז א באלשעוויק ביז זיין קעשענע און ער קומט צו איהם ביד חזקה, אז ער זאל איהם אויך געבען וואס צו עסען. און דער פויער איז ערביטערט, וואס מען מאכט א פארזוך אויף זיין פארהארעוועטע אייגענטום און מען שטערט איהם זיין פרייהייט.

איז נימא וואס צו עסען אין שטאדט קען צו יעדער צייט אויסברעכען אן אויפשטאנד, א רעוואלוציע — רופט עס ווי איהר ווילט.

קומט מען צום פויער פאדערען, אז ער זאל זיין טאקע אויף אן אמת א קאמוניסט, קען אויסברעכען אן אומארדנונג, אן אויפשטאנד, א רעוואלוציע — רופט עס ווייטער ווי איהר ווילט.

און איצט שטעלט זיך פאר אט די דאזיגע בילד: צווישען דעם הונגעריגען ארבייטער און דעם זאטען פויער שטעהט די באלשעוויסטישע רעגירונג... איהר מיסיאן איז געווען איינצופיהרען אין רוסלאנד — אין גאנץ רוסלאנד — קאמוניזם, אז אלע „הארעפאשניקעס"*) — דאס ליבלינג ווארט פון די באלשעוויקעס — זאלען זיך טיילען מיט זייער ביסען, זאלען לעבען ווי ברידער און שוועסטער און אין דער ווירקליכקייט מוז זי שטעהן צווישען זיי און זעהן, אז ביידע גרופען זאלען זיך ניט שלאגען. זי דארף ארויסווייזען קונצען, ווי אזוי צו געפעלען ווערען אי דעם קליינעם בורזשוק, אי דעם הונגעריגען ארבייטער.

די ערשטע צייט האט זיך זיי דאס מעהר אדער ווענינער איינגעגעבען. זיי האבען געהאט אן אייזערנעם בריק אויף וועלכען זיי זיינען געשטאנען מיט זיכערהייט — דאס איז די שנאה פון אלע קאפיטאליסטישע רעגירונגען, זייערע אטאקעס און זייער בלאקאדע. אט דאס זיינען די רייפען, וועלכע האבען ארומגענומען אלע שיכטען פון דער סאוועטסקער רוסלאנד. און וואס ווענינער די באלשעוויסטישע רוסלאנד וועט פארפאלגט ווערען פון דרויסען, אלץ ווענינער וועלען זיך האלטען די רייפען און אלץ מעהר וועלען מוזען ארויסטרעטען די ווידערשפרוכען צווישען די ביידע קלאסען: די פראלעטאריער און די פויערים. און זאלען זיין די פיהרער פון די באלשעוויקעס איבערנאטירליכע מענשען, האלבע געטער, זאלען זיי זיין די קליגסטע, די געלערנטסטע און די עהרליכסטע, און די איבערגעבענסטע אידעאליסטען — זיי קאן זיך ניט איינגעבען מאכען די צעהנדליגע מיליאנען מוזשיקעס פאר קאמוניסטען. פשוט דערפאר, וואס עקאנאמישע אומשטענדען זיינען שטארקער פון אלע טעאריעס.

דער וויסענשאפטליכער סאציאליזם בויט דעריבער זיינע אלע האפענונגען און שטרעבונגען אויפ'ן פראלעטאריאט, אויף די ארבייטער, און ניט אויף קיין אנדער קלאס פון דער געזעלשאפט, ווייל די ארבייטער זיינען די איינציגע, צו וועמען דער סאציאליסטישער אידעאל פאסט זיך צו אמבעסטען, וועלכע קענען אין זייער קאמף פאר דעם גארנישט פארלירען און אלעס געווינען.

די באלשעוויקעס האבען זיך געשטעלט אן אומנעגליכע אויפגאבע: **ארויפצווינגען דעם סאציאליזם אויף מיליאנען מענשען, וועלכע זיינען מיט זייער גאנצען עקאנאמישען און פסיכאלאגישען געבוי פיינדליך צו איהם.** און דער רעזולטאט מוז ארויסקומען ניט גאר קיין פרעהליכער.

אויף וויפיל מיר — און די אלע זאגענאנטע „רעכטע" סאציאליסטען — זיינען גערעכט באוויזען שוין אפילו דער איצטיגער פאליטישער צושטאנד אין רוסלאנד.

פאר קיינעם איז שוין קיין סוד ניט — כאטש אונזערע צייטונגען און אונזערע טוער שווייגען וועגען דעם — אז דארט, אין דער סאוועט רוסלאנד איז ניט איינגאנצען גלאטיג, אז אפילו אין די סאוועטישע רייהען קומען פאר היציגע דעבאטען וועגען דער מעטאדע און טאקטיק פון דער באלשעוויסטישער רעגירונג און עס פארמירען זיך פארשידענע אפאזיציאנעלע גרופען. און דער קראנשטאט אויפשטאנד — דאס איז געווען די ערשטע גרויסע ווארנונג פאר דעם מאסקווער קאמיטעט, אז ער זאל קוקען אויפ'ן לעבען מיט אפענע אויגען.

פון אנפאנג האט מען זיך געקליבען איינשמועסען דעם עולם, אז דאס איז ניט מעהר און ניט ווענינער, ווי א פארשווערונג פון רעאקציאנערען. עס האט זיך אבער ניט געגלויבט. קראנשטאט האט זיך אימער גערעכענט פאר דער פעסטונג פון דער רעוואלוציע. נאכדעם איז שוין געקומען א באשטעטיגונג אין אונזערע ראדיקאלע צייטונגען, אז דער אויפשטאנד אין קראנשטאט האט ניט צו טאן מיט קיין קאנטער־רעוואלוציע.

א ספעציעלע קייבעל פון שיפרין'ען צום „פארווערטס" האט געמעלדעט דאס פאלגענדע:

„פון פינלאנד זיינען אפגעפאהרען קיין קראנשטאט א באטאליאן ווייסע אפיצערען מיט דעם צוועק צו העלפען די רעבעלען. די קראנשטאטער מאטראזען האבען ערקלערט, אז זיי ווילען ניט קיין הילף פון רעאקציאנערען און האבען מיט קאנאנען געשאסען אויף די אפיצערען."

גענוי, וואס דארטען איז פארגעקומען ווייסען מיר נאך ניט. עס איז אבער קלאר ווי דער טאג, אז דאס האט צו טאן מיט דעם אומנאטירליכען צוזאמענשטעל פון דער קאמוניסטישער רוסישער רעגירונג, מיט די קלאסען־ווידערשפרוכען, וואס טרעטען ארויס אלץ בולט'ער, אלץ קלערער.

און אלס עדות אויף דעם האבען מיר ניט קיין אנדערען ווי לענין'ען אליין.

דער אויבענדערמאנטער שיפרין האט געקייבעלט צום „פארווערטס", אז לענין האט אין איינע פון זיינע רעדעס ערקלערט, אז דער קראנשטאטער אויפשטאנד האט באוויזען, אז מען מוז געהן אויף קאמפראמיסען, אז מען מוז ערלויבען דעם פויער פרייען האנדעל.

הייסט עס, אז אין דעם אויפשטאנד האט געווירקט דער ווילען פון דעם פויערטום, וואס באשטעהט פון 80 פראצענט פון דער רוסישער באפעלקערונג.

און עס הייסט, אז די אויבערהאנד אין דעם קאמוניסטישען רוסלאנד וועט סוף כל סוף האבען דער קליינער בורזשוא און דער גאנצער רעוואלוציאנער־קאמוניסטישער אפאראט פון דער באלשעוויסטישער רעגירונג וועט זיך בויגען צו זיין ווילען...

וואס פאר א פנים וועט דאן האבען דער רוסישער קאמוניזם?

אבער וועגען דעם — אין אן אנדער ארטיקעל.

*) דער ווארט „הארעפאשניקעס" האט א גאנצע געשיכטע הינטער זיך. די ערשטע, וואס האבען ארויסגעשטעלט די „הארעפאשניקעס" אלס שלאגס־ווארט זיינען געווען די סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען. זיי האבען גע'טענה'ט, אז דער סאציאליזם דארף זיך ניט באגרעניצען בלויז מיט דעם פראלעטאריער, ד. ה. דער וואס ארבייט פאר יענעם. מען מוז אויך ארייננעמען אלע די, וואס האר־עוועון, צי ביי יענעם, צי ביי זיך, אבי נאר אהן פרעמדע הענט. די מארקסיסטען זיינען ארויסגעטראטען געגען דעם נעבעלדיגען ווארט „הארעפאשניקעס", און האבען באוויזען, אז דער איינציגער טרעגער פונ'ם סאציאליסטישען אידעאל איז דער פראלעטאריאט, דער קלאס מענשען, וועלכער מוז זיך פארדינגען צו א קאפיטאליסט, אום צו מאכען א לעבען.

איצט האבען די באלשעוויקעס א מאנאפאל אויף די „הארעפאשניקעס".

פרעזענטירען דעם טשערמאן.

ווערטער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט".

מיר בעטען אייך געפעליגסט אין נאמען פון אונזער שאפ אפצודרוקען דאס פאלגענדע:

מיר, די ארבייטער פון הערמאן און פישמאן, 118 וועסט 22טע סטריט, דריקען אויס אונזער טיפען דאנק צו אונזער שאפ טשערמאן, ברודער סעם העלער, פאר זיינע לייסטונגען פאר אונזער שאפ און אלס אנערקענונג פרעזענטירען מיר איהם מיט א גאלדענער וואטש און טשיין. מיר האפען אז ברודער סעם העלער וועט אויך אויף ווייטער פארזעצען זיינע גוטע און ניצליכע ארביים פאר דעם וואהל און בעסטען פון אונזער שאפ און פון דער יוניאן.

מיט ברודער גרוס,
די פרעס קאמיטע.

אנערקענען די גוטע ארבייט פון שאפ־טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון וויליאם בלום, 40 איסט 30טע סטריט, פארזאמעלט ביים שאפ־מיטינג, האבען באשלאסען אויסצודריקען אונזער דאנק צו ברודער סעם אקערמאן, אונזער שאפ־טשערמאן, פאר זיין גוטער ארבייט, און מיר פרעזענטירען איהם מיט א ווערטהפולען פרעזענט, א שעהנעם דינער־סעט. מיר האפען, אז ברודער אקערמאן וועט ווייטער זיין אקטיוו אין שאפ און ארבייטען פאר'ן וואהל א.ז בעסטען פון די ארבייטער און דער יוניאן.

די קאמיטע:
נעטען גראשקע.
לייב וויענער.
סיימאן גאלדשטיין.

ביי אייער פסח טיש
היינטיגען יאהר דארף זיך געפינען
סיימאן און וויל מצה
פון סינסינעטי
„די קרוין פון אלע מצות"
פאדערט מיט'ן נאמען און
האט אן עונג יום טוב.
SIMON & WEIL MATZOH CO.
CINCINNATI, OHIO.

ערב פסח אין דער נייער היים.

די שעהנסטע עראינערונגען און בילדער, וואס מיר האבען מיט זיך מיטגעבראכט פון דער אלטער היים אויף יענער זייט ים, זיינען די עראינערונגען און בילדער, וועלכע זייגען פארבונדען מיט ערב פסח און פסח גופא.

ווער פון אונז געדענקט ניט דעם ערב פסח אין א קליין, היימיש שטעדטעל, ווען דער שנעע ווערט צולאזט פון די ערשטע פריהלינגס־שטראהלען און די בלאטע הויבט אן אויסטריקענען אויף די געסלאך, וואו מען גרייט זיך אויפצונעהמען דעם ליעבען, אלטען שטענדיג־אנגעלענטען „פעטער פסח“?

די פרויען זייגען פארנומען מיט קאלכען די הייזער, כשר׳ען די געשיר, מיט וואשען און ראמען, מיט נעהען און צוגרייטען, אז אלעס זאל זיין שעהן און יום־טובדיג׳ און דערפרעהען דאס הארץ, ווען מען וועט זיך וועקזעצען צו פראווען די מלוכה ביים סדר־טיש.

די מענער זייגען פארנומען אין די „מצה־פעקארניעס“, וועלכע פלעגען זיך געוועהנליך געפינען ערגעץ אין א קעלער און וואוהין יעדער פלעגט ברענגען זיין מעהל און אפטמאל אליין פארקנעטען דאס מעהל, אליין „וואלגערען“ דאס טייג און „רעדלען“ די מצות און נאכהער האבען זיי אויסגעבאקען, ווען דער „אטשערער“ איז געקומען.

אויף דא אין דער נייער היים, אין אמעריקא, איז פסח א ליעבער, אנגעלעגטער גאסט און אויף דא פוצט מען אויס לכבוד דעם שעהנעם גאסט די הייזער יום־טוב׳דיג, און מען קויפט נייע מלבושים און מען ברייגגט אריין אין הויז נייע זאכען.

די מענער און פרויען דארפען אבער דא ניט לויפען אין די „מצה־פעקארניעס“ און ניט ווארטען אויף קיין „אטשערער“ און ניט אפשטעהן גאנצע טעג אויף די פיס ביים קנעטען, וואלגערען און „רעדלען“ די מצות. פאר די אלע זאכען זארגט שוין די מאנישעוויטץ מצה קאמפאניע פון סינסינעטי, וועלכע האט די גרעסטע מצה־בעקערי׳ אין דער וועלט און פון וואנען מיליאנען אידען אין אמעריקא און אין אלע אנדערע לענדער און וועלט־טיילען ווערען פארזארגט מיט דער כשר׳סטער, בעסטער פרישסטער און געשמאקסטער מצה.

כשר לפסח
פריש — קרוכלע
מאנישעוויטץ מצה
„די מצה מיט אלע מעלות“
זעהר געשמאק צום עסען, לייכט צום פארדייהען
די ב. מאנישעוויטץ קאמפאני
סינסינעטי, אהייא



דעזיינינג
פעטערן מייקינג
און
גריידינג
ווערט געלערנט סטריקט אינדיווידועל.
בייטאג און נאכט שטונדען.
אונזער מעטאדע פון לערנען איז ספעציעל צוגעפאסט פאר דער האלסייל ליין פון וואומענס, מיסעס, דזשוניארס, טשילדרענס און אינפאנטס גארמענטס.
זעהט אונז איידער איהר מאכט א מיסטייק.
ליעדינג קאלעדזש פון דעזיינינג און פעטערן מייקינג.
פראקטיקעל דעזיינער בילדינג.
פראפ. י. ראזענפעלד, דירעקטאר.
222 איסט 14טע סט., ניו יארק.
(צווישען 2טע און 3טע עווע.)
טעלעפאן: סטייוועסענט 5817.

אויף אויסצאלען

דאס ערשטע מאל נאר אין ניו יארק
און אפשר נאר פאר א קורצער צייט
ווערען געגעבען
אלע ווערק פון שלום עליכם
א גאנצער סעט פון 20 בענדער, שעהן געדרוקט און פראכטפול געבונדען מיט גאלד־שניט פון אויבען, ווערט
גלייך אריינגעשיקט פריי
דער פרייז: דער פרייז פאר דעם סעט שלום עליכם׳ס ווערק אויף אפצוצאהלען איז דערזעלבער קאטאלאג פרייז וואס פאר באארעס געלד. פאר די 20 בענדער $53.50 ($1.50 ווייניגער ווי מ׳קויפט סעריעסווייז פאר קעש).
די צאהלונגען: די צאהלונגען ווערען געמאכט אויף פאלגענדען אופן: $3.50 ביים באשטעלען. דעם באלאנס אין צעהן חדשים צייט—צו 5 דאלאר א חודש.
באשטעלט דירעקט: פילט אויס דעם קופאן און שיקט אונז צו. קיין געלד דארפט איהר מיט דעם ניט שיקען. אונזער פארטרעטער וועט אייך באזוכען, נעמען די ערשטע איינצאהלונג און אין משך פון א וואך האט איהר ביי זיך אלע ביכער.
שלום עליכם פאנד.
SHOLOM ALEICHEM DISTRIBUTING CORPORATION
31 UNION SQUARE, NEW YORK
נעערטע פריינט:
זייט אזוי פריינדליך און שיקט מיר א סעט שלום עליכם׳ס ווערק, פראכט־אויסגאבע אויף אויסצאהלונגען.
נאמען ————————
גאס ————————
אפארטמענט ————————

אמאל און היינט

אמאל, ווען די נאטור האט דעם מענשען געוואראנט אז זיינע אויגען ווערען שוואכער, פלעגט ער גאר זיך ניט צוהערען אדער פארלאזען זיך אויף ניסים און קויפען ברילען פון א פעדלער. מיט דיזע סארטען ברילען האט ער זיך געמאטערט זיין גאנצען לעבען מיט דער צייט זייגען די אויגען געווארען אזוי שוואך, אז ער האט געמוזט פארלאזען זיין ארבייט. היינט, זייגען מענשען קליגער. ווען זיי פיהלען די קלענסטע טראבעל מיט זייערע אויגען געהען זיי גלייך צו א גוטען דאקטאר. דר. ס. מערמעלשטיין אונטערזוכט אייערע אויגען גרינדליך מיט די בעסטע וויסענשאפטליכע מעטאדען. אויב איהר דארפט גלעזער ווערען זיי געשליפען פון ווייסטען קריסטאל אין אונזער אייגענעם שאפ, צו מעסיגע פרייזען. אפען טעגליך ביז 9 אוהר. זונטאג געשלאסען. — דאס איז אונזער איינציגער אפיס.
דר. ס. מערמעלשטיין, 392 גרענד סט. קאר. סאפאלק, ניו יארק
ברייגגט דיזען אדווערטייזמענט מיט אייך.

איז ווערט צו לעבען?
וועגען דעם וועט זיין א דעבאטע צווישען
סקאט ניערינג און קלארענס דארא
דר. י. ל. מאגנעס וועט זיין טשערמאן.
זונטאג, 8 אוהר אווענד, 3 אפריל אין לעקסינגטאן טעאטער
ארענזשירט פון די רענד סקול.
טיקעטס 50 ס., 75 ס., $1.00, $1.50 און $2.00
צו באקומען אין רענד סקול, 7 איסט 15טע סטריט., אין אפיס פון די „קאלל“, 112 4טע עוועניו, אין „פארווערטס“, 175 איסט בראדוויי, און אין באקס אפיס פון לעקסינגטאן טעאטער.

קלאוקמאכער, אויפמערקזאם!
צוליב דער באקוועמליכקייט פון די מעמבערס, וואס ארבייטען אווערטיים, וועט דער אפיס פון דזשאינט באארד, 40 איסט 23טע סט., זיין אפען פון 7:15 אין דער פריה ביז 8:15 אין אווענט, פאר צאהלען דיוס, דעם טעקס פאר׳ן מיליאן דאלאר פאנד, און אויך פאר די 2 שטונדען ארבייט פאר די „אמאלגאמייטעד“־סטרייקער.
מיט יוניאן גרוס,
דזשאינט באארד קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן

דער סכסוך אין דער ווהייט־גודס אינדוסטריע ענדליך געסעטעלט

(שלוס פון זייט 1).

צדדים און ער דארף נאך גוטגעהייסען ווערען פון די מיטגלידער פון ביידע לאַ־גערען.

א מיטינג פון דער אסאָסיאיישאן איז איינגערופען אויף מיטוואך, דעם 30טען מערץ. די יוניאן וועט האָבען א דזשע־נעראל מעמבער־מיטינג דעם שבת, איינס אוהר ביי־טאג, באלד נאך דער אַרבייט. דער מיטינג וועט זיין אין בעטהאָווען האָל. ברודער דייוויס, דער מענעדזשער פון לאקאל 62, וועט אויף דעם מיטינג אפגעבען א פולען באריכט פון די לעצטע קאנפערענצען און וועט פארברייגען דעם נייעם אגרימענט פאר די מיטגלידער צו שטימען.

פרעזידענט ב. שלעזינגער וועט אנ־וועזענד זיין אויף דעם מיטינג.

דער טשערמאן פון דעם מיטינג וועט זיין ברודער מ. זאַיעטץ, דער ביזנעס־אייזדזשענט פון דער יוניאן.

דער סעטעלמענט איז א זיעג פאר די ארבייטער און פאר דער יוניאן.

זאלען אלע מיטגלידער פון דער יוניאן קומען צום מיטינג און שטימען רוהיג און געלאסען, לויט זייער איבערצייגונג.

מאיר לאנדאנ׳ס

עלטסטע סטריקט־ כשר׳ע מצות

MEYER LONDON
404-406 Grand Street, New York

טעלעפאן ארטשארד 3793

אונטער די השגחה פון הרב הג׳ ר׳ אלחנן יפה רב דבמה״ג. אויב אייער דילער וויל אייך ניט דעליווערען, וועלען מיר אייך דעליווערען ביידע פריי.

Harlem Branch:—300 East 102nd Street, Mr. A. L. Streit
Brownsville Branch:—122 Osborn Street, Mr. W. Axelrod

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

מ. צינקין. — אין אלגעמיין האלטען מיר מיט אייך. די פראגע וועגען א לייבאר ביוראָ איז א זעהר וויכטיגע, און, ווי איהר ווייסט, האט מען ניט בלויז גערעדט וועגען דעם, נאר עס איז שוין געמאכט געוואָרען א שטארקער פארזוך דאס אויסצופיהרען. ליידער איז עס ניט געלונגען. און מסתמא ווייסט איהר דאך אויך די אורזאכע. די גרעסטע שטערונג פאר דער דורכפיהרונג פון דעם פלאן זיינען געווען די גרויסע מעהרצאהל מיטגלידער. מיר שי־קען אייך אפ צו דער „גערעכטיגקייט" פון אומגעפער א יאהר צוריק. לייענט איבער נאך אמאל די פארשידענע בריף, אין וועלכע עס זיינען אנגעגעבען געוואָרען די טענות געגען די לייבאר ביוראָ, און איהר וועט זיך איבער־צייגען, אז די שולד, וואס די לייבאר ביוראָ האט אויפגעהערט צו פונקציאָנירען, ליגט הויפטזעכליך אויף די מיטגלידער זעלבסט. מיר ווילען דערמיט ניט זאגען, אז זייערע טענות זיינען געווען אין גאנצען אומגערעכט. געוויס האט די לייבאר ביוראָ אין איהר התחלת געהאט פילע פעלערען. די מאשינעריע האט ניט גוט געארבייט, ווייל עס האט געפעלט, ערשטענס, די נויטיגע ערפאהרונג מצד די באַ־אמטע, און צווייטענס, האט געפעלט גאר פילעס וואס עס איז נויטיג פאר א ריכטיגע טעטיג־קייט. וואלטען די מיטגלידער ארויסגעוויזען די נויטיגע גערולד און פארשטאנען, אז „יעדער אנפאנג איז שווער", און אליין געהאלפען עס צו פארבעסערען, וואלט אייער איצטיגע אנפראגע ניט געקאנט גאר געמאלט זיין. ליי־דער אבער האט עס אנדערש פאסירט, און דער־פאר איז דערווייל ניטאָ קיין אנדער אויסוועג פאר איינעם, וואס פארלירט זיין דזשאב, ווי צו קלאפען אין די טירען אזוי לאנג, ביז ער געפינט א נייעם דזשאב. אין דער זעלבער צייט מוזען מיר אייך אויפמערקזאם מאכען אויף א גרויסען טעות פון אייער זייט. איהר מיינט, אז א יוניאן איז מחויב אייך צו פאר־זאָרגען מיט ארבייט, און דערפאר קומט איהר נאר צו צאָהלען דיוס, ווען איהר ארבייט. האט איהר ניט קיין ארבייט, זיינט איהר מיט דער יוניאן אויס מחותן. אזוי מיינט איהר. דאס איז אבער ניט אזוי. א יוניאן, ווי זי איז איצט, קאן ניט און נעמט ניט אויף זיך די פליכט צו באזאָרגען אייך מיט ארבייט, ניט ווייל זי וויל ניט, נאר ווייל זי קאן ניט. דערווייל זיינען די פעקטארים נאך ניט איהר אייגענטום, און ניט זי איז עס וועלכע שפילט און קאן שפילען די ראָלע פון אן ארבייטס־געבער. די יוניאן איז דא, אום צו באשיצען אייערע אינטערעסען, ווען איהר האט ארבייט. די דיוס, וואס איהר צאהלט אין די יוניאן באצוועקט ניט קיין אנדער זאך, ווי די באשי־צונג פון אייערע אינטערעסען, און דערפאר מוזט איהר זיי פינקטליך באצאהלען, כדי די יוניאן זאל אימער האבען די שטארקסטע מאכט צו באשיצען אייך און אייערע אינטע־רעסען, ווען עס איז נויטיג. פונדעסטוועגען, ניט אבטענדיג אויף דאס אלעס, וואלטען מיר אייער בריף פארעפענטליכט, אבער מיר דענ־קען, אז איצט איז די צייט זעהר ניט גינסטיג פאר דעם. אויף דער טאגעס־ארדנונג שטעהען איצט די וויכטיגסטע פראבלעמען פאר אונזער יוניאן... מיר וועלען אייער בריף איבערלא־זען אויף שפעטער, ווען די צייט וועט ווידער ווערען גינסטיג פאר דיזער אונטערנעמונג.

א סטרייקער. — עס איז ניט קענטיג פון אייער בריוועל, אז עס האט אייך ווירק־ליך פארדראסען, וואס איין נומער איז דורך א צופאל אויסגעלאזען געוואָרען א פאר שורות וועגען אייער סטרייק. מעהר ניט, איה. ווילט אביסעלע קיבעצען דעם „סטעף־רעפאָרטער" און דעם נאטיץ־ביכלער פאר דאס, וואס זיי האבען פארנאכלעסיגט זייער פליכט, זיינען מיר אבער ניט אין דער שטימונג צו טאן אייך דעם נחת רוח און פארעפענטליכען אייער בריוועל. וואלט איהר אונז געגעבען קרעדיט, כאטש א ביסעלע פאר אלץ, וואס מיר האבען ביז דעם אונגליקליכען נומער יא געשריבען, וואלטען מיר געטראכט: דער שרייבער מיינט עס ערנסט. אבער דאס טוט איהר ניט. דערצו נאך זיינט איהר א שטאר־קער בעל־גוזמא, ווען איהר שילדערט דעם קאמף אין זיין איצטיגער פאזע, אלס „א קאמף אויף לעבען און טויט". ווי מיר פאר־שטעהען, געהט דער סטרייק אן איצט זיין גאנץ נאטירליכען גאנג, און קיין באזאנדערע ערמוטיגונג איז דוקא איצט, לויט אונזער מיינונג, ניט נויטיג. איהר דארפט פאר־שטעהן, אז ווען מיר וועלען געברויכען אונ־זערע שטארקסטע ווערטער פאר עטוואס, וואס איז פון א מעהר אדער וועניגער קלענערער באַ־דייטונג, טו וואס וועלען מיר שוין קענען זאַ־גען דאן, ווען עס וועט ווירקליך זיך פאסיע־רען דאס שטארקסטע, מעכטיגסטע ווארט? און וואס אנבאטרעפט אייער איבערווענדונג, דאס די צייטונג איז „אונזער ארגאן", איז עס גע־וויס אן אמת. אבער דאס מיינט נאך ניט, אז דערפאר דארפען מיר ניט דערמאַנען די מיטגלידערשאפט אויסצופיהרען דעם באשלוס פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער אינטערנעשאנאל ביינצוטראגען צוויי שטונדען ארבייט פאר דעם סטרייק פון דער „אמאלגאמייטעד", וועלכען, אגב אורחא, מיר באטראכטען אלס אונזערע. ווידער, וואס אנבאטרעפט די געסעטעלטע שעפער פון דעם וויסט און דרעס מייקער סטרייק, אז עס איז זייער פליכט איינצוצאהלען וועכענטליך זייער סטרייק־טעקס. דאס דערמאנען מיר אין יע־דען נומער. זאל אבער דא געזאגט ווערען, אז מיר גלויבען, אז די מעהרסטע מיטגלידער אין די געסעטעלטע שעפער פארשטעהען, אז צאהלענדיג דעם סטרייק־טעקס, איז עס בשום אופן ניט פון זייער זייט א שטיקעל פילאנ־טראפיע, נאר עס איז גיכער נויטווענדיג פאר די באשיצונג פון זייערע אייגענע אינטערע־סען. און אויף אזוי פיל זיינען די מיט־גלידער פון אייער יוניאן גייסטיג ענטוויי־קעלט, אז זיי זאלען עס פארשטעהן אליין, און נויטיגען זיך ניט, אז מען זאל זיי האל־טען אין איין דערמאנען וועגען דעם.

מ. כהן. — דאס איז ניט קיין פאעזיע. עס איז בלויז א שטיקעל אגיטאציע אין גראַ־מען. איז, נאטירליך, מיר האבען גארניט געגען אגיטאציע, אבער דאס מוז זיין אן אגיטאציע, וואס זאל ריהרען, וואס זאל א נעהם טאן ביי דער נשמה. אייערע אבער טוט עס ניט. די פארמע, אין וועלכער דאס איז אויסגעדריקט, איז א זעהר אלטעגליכע, און דער געדאנק איז אויך פון דעם זעלבען סארט. פאלגליך געפעלט אונז ניט דאס געדיכט, ווען דאס איז אפילו בלויז פון אן אנפאנגער.

ב. אסטראווסקי. — מיר ווייסען ניט, אויב דער צוגעשיקטער בריף, פארעפענטליכט אין דער „גערעכטיגקייט", וועט האבען די נויטיגע ווירקונג. עס דוכט זיך אונז, אז פאר אונזערע לעזער וועט דער בריף מיט די אלע פאקטען פון אונטערדריקונג פון די אי־דישע ארבייטער אין ארץ ישראל מצד די ציוי־ניסטען, וואס האלטען זיך פאר די איינציגע באלעבאטים דארט, ניט זיין קיין באזאנדערע איבערראשונג. דאך ווען דער פלאץ וועט נאר ערלויבען, וועט אייער בריף פארעפענטליכט ווערען. זאלען אלע ארבייטער וויסען וואס דארט טוט זיך און וואס דעם אידישען אר־בייטער, וואס האט בדעה אויסצואוואנדערען אהין, ערווארט דארט.

יוניאן העלטה סענטער
דענטאל קליניק

מיר ווינשען באקאנט צו מאכען דאס דער דענטאל קליניק איז איצט אונ־טער די אויפזיכט פון דר. מאקס פריים, א דענטיסט, מיט א פופצעניאהריגער ערפאהרונג. צוזאמען מיט איהם זיינען דא דר. לואיס ב. עללים, דר. ה. ב. סילווער, דר. ל. עפשטיין און נאך אייניגע גראדואירטע דענטיסטען און ספע־ציאליסטען.

„רעמואוועבל ברידזשעס" איז אונזער ספעציאליטעט. ווערט געמאכט אין אונזער אייגענער לאבאראטאריע פון מר. א. טשענקין, איינער פון די פעהיג־סטע דענטאל־מעכאניקער אין ניו יארק.

יוניאן העלטה סענטער, 131 איסט 17טע סטריט

אפען טעגליך, א חוץ זונטאג, פון 10 אין דער פריה ביז 8 ביינאכט.

הערי וואנדער, טשערמאן.

קלאוק פינישערס יוניאן לאקאל 9

„די פרוי און די יוניאנס"

וועט זיין די טהעמא איבער וועלכער פריינד

י. לעווין

וועט לעקטשורען

פרייטאג אבענד, אפריל דעם 8טען

אין פארווערטס האל, 175 איסט בראדוויי.

ספעציעל ארראנזשירט פאר׳ן לידיס ברענטש פון אונזער לאקאל.

אויך וועט פאזיטיוו דורכגעפיהרט ווערען א רייכער מוזיקא־לישער פראגראם מיט דער מיטווירקונג פון ארבייטער רינג מענדאלין ארקעסטרא און פון דער פרייער אידישער פאלקס־ביהנע.

איינטריט פריי פאר אלע מעמבערס פון לאס. 9

איזידאר סארקין, מענעדזשער.

שוין געעפענט

די פראכטפולע בראנקס ברענטש פון די

באנק אוו יונייטעד סטייטס

אין סאוטהערן בולעווארד און פריעמאן סטריט

איז געעפענט געווארען מאנטאג, 28טען מערץ

נאך איידער די טיהרען פון דער באנק האבען זיך געעפענט, זיינען שוין געוועזען פארזאמעלט הונדערטע פון די בראנקסער פראמינענטע ביזנעסלייט און געווארט צו זיין די ערשטע צו עפענען אן אקאונט אין דער

בראנקס ברענטש

פון דער מינוט פון 9 אוהר אין דער פריה ביז שפעט אין דער נאכט האבען א גרויסע צאהל קלוירקס געארבייט אהנע אויפהער צו אטענדען די גרויסע מאסען מענשען אין די ליינס וועלכע האבען ארויסגעצייגט גרויס באגייסטערונג און מיט פרעהליכע פנים'ער

געעפענט נייע אקאונטס

עס איז געווען א פארגעניגען צו זעהן די הונדערטע פרויען וועלכע זיינען געקומען אין באנק און געעפענט

פיער פראצ. אינטערעסט אקאונטס

וויסענדיג אז די אינטערעסט ווערט זיי צוגערעכענט

פון דעם זעלבען טאג אן

א חוץ דעם וואס די באנק האט איינגעפיהרט בעקוועמע שטונדען

פון 9 אוהר מארגענס ביז 8 אוהר אבענדס

יעדער ביזנעסמאן וועלכער האט געעפענט א טשעקינג אקאונט האט ארויסגעבראכען די גרעסטע צופרידענהייט וועגען די בעקוועמליכקייט פון די שטונדען.

ער קען קומען אין באנק ביז 8 אוהר אבענדס צו דעפאזיטען זיין טאג ביזנעס און פערהאנדלען אנדערע באנק ביזנעס.

יעדער דעפארטמענט אין די בראנקס ברענטש איז פאלשטענדיג קאמפליט אפען פאר דעם פובליקום.

דער אויסלענדישער דעפארטמענט

וועלכער איז איינער פון די גרעסטע ארגאניזאציאנען אין אמעריקא דורך וועלכע געלדער ווערען געשיקט צו קרובים אין אלע טיילען פון דער וועלט

ווערען אויסגעצאהלט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט

אין דעם בראנקסער ברענטש איז דיזער דעפארטמענט איינער פון די וויכטיגסטע. פון דער ערשטער מינוט אן פון דער עפענונג איז דער דעפארטמענט געווארען ביזי.

די בראנקסער איינוואהנער וועלכע ווילען שיקען געלד צו זייערע קרובים אין יוראפ פארשפארען יעצט צו פאהרען דאון טאון און פארלירען צייט.

די בעאמטע פון די באנק אוו יונייטעד סטייטס לאדען העפליך איין די **בראנקסער ביזנעסלייט און איינוואהנער זיך אנצושליסען מיט די אנדערע פון אונזערע צעהנדליגע טויזענדער דעפאזיטארס און עפענען אן אקאונט** אין די בראנקס ברענטש פון

די באנק אוו יונייטעד סטייטס

MEMBER FEDERAL RESERVE SYSTEM

בראנקס ברענטש:

סאוטהערן בולעווארד און פרימאן סטריט

דילענסי ברענטש: 77-79 דילענסי סטריט.

הויפט באנק: 5טע עוועניו און 32טע סטריט

הארלעם ברענטש: מעדיסאן עוועניו און 116טע סט.

מצה כשרה לחג הפסח

HOROWITZ BROS & MARGARETTEN

פילאדעלפיער נייעס

(שלום פון זייט 7).

פאזיטיווע אויסגעשלאָסען ווערען פון דער יוניאן.

ארבייט מוז געטיילט ווערען צווישען אלעמען גלייך.

עס איז נישט קיין נייעס, אז אין צייט פון סלעק דארף די ארבייט געטיילט ווערען גלייך צווישען אלע ארבייטער. מיר ווילען דערמאָנען אונזערע ארבייטער אז אין דיזען פונקט וועט אונזער יוניאָן זיין גאַנץ שטרענג. אויב עס איז נישטאָ פיעל ארבייט דארף און מוז די ארבייט וואס איז דאָ געטיילט ווערען גלייך צווישען אלע ארבייטער וועלכע געפינען זיך אין שאָפ.

אונזערע „רעוואָלוציאָנערען."

עס איז אונז שוין באשערט צו זיין אין דער מאָדע. גאָט האָט אונז פאַרזאָרגט מיט אביסעל „פּראָזען שיסער" וועלכע ווילען אונז ברענגען מיט אמאָל די ישועה. זיי ווילען זיך נישט רעכענען מיט די אומשטענדען אונטער וועלכע מיר לעבען און קומען צו געהן און טרייען אונז שלעפען אין קרומע וועגען. מיר פאָדערען אויף אונזערע מעמבערס צו קומען צו די מיטינגען זיך פאָראינטערעסירען אין אלע פראגען און נים לאָזען אונזער יוניאָן אריינשלעפען אין פּאַרטיי פּאָליטיקס. אונזער יוניאָן דאַרף זיין, און איז אלע מאָל געוועזען ריין פון אירגענד וועלכע קלייזעל פּאָליטיק, און דאס איז צו פאַרדאַנקען אונזער וואַקסען דורך די פּילע יאָהרען. מיר אַפּעלירען דארום צו אונזערע מעמבערס נישט צו דערלאָזען אז פּאַרטיי פראגען זאלען אריינגעבראכט ווערען, ווייל וואו עס זאל נישט זיגען, דער צד אדער יענער, די באָסעס וועלען זיכער געווינען ווען מיר וועלען זיין צו־ריסען.

מיר אַפּעלירען דארום צו אונזערע מיטגלידער, קומט צו די מיטינגען און לאָזט נישט אז אונזער יוניאָן זאל גע־שעדיגט ווערען דורך פּוסטע פּראָזען.

א. נייבאוער, סעקרעטאר לאָקאל 2.

טעלעפאָן גרעמערסי 2441
די לעאָנארד פרעס
42 איסט 23טע סט., ניו יאָרק

קויפט אויסשליסליך
סאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
וויסאצקי טהעע

דר. לואיס סאָדאָף
דענטיסט
איז איצט אין זיין אייגענעם אָפּיס אין
1 UNION SQUARE
ROOM 503

ליידיס טיילארס, סאמפּעל מאכער און אלטע־ריישאַן שניידער לאָקאל 3

ברענטש מיטינגען וועלען אפּגעהאלטען ווערען ווי פאָלגט:

די שטיק־שניידער און סעמפּעלמאכער וועלען מיטען שבת דעם 2טען אפּריל, 1 אוהר נאָכמיטאג, גלייך נאָך דער ארבייט

אין סטייוועסענט קאַסינא, 140 2טע עוועניו.

ליידיס טיילארס און אלטעריישאַן שניידער וועלען מיטען דינסטאָג, דעם 5טען אפּריל, גלייך נאָך דער ארבייט

אין לאורעל גארדען, 75 איסט 116טע סטריט.

אלע מיטגלידער זיינען אויפגעפאָדערט צו אטענדען די מיטינגען

עקזעקוטיוו באָארד לאָקאל 3

מ. שאַצבערג, סעקרעטאר.

בארנעט ל. בעקער
אָפּטאָמעטריסט און אָפּטישען
215 East Broadway
100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn
895 Prospect Ave., Bronx

אמאלגאמייטעד קלאָדינג סיסטעם
א קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג

געפיהרט פון די
קליידער ארבייטער אין ניו יאָרק
קויפט דירעקט פון די ארבייטער!
העלפט באקעמפען דעם „אָפּען שאָפּ"!
סוטס און אָווערקאָוטס
פאַרטיגע און צו אָרדער פון
די בעסטע וואָלענע וואארעס
$32 TO $50
דער קאָאָפּעראַטיווער פּלאַן שאַפט אָפּ
ניט־נויטיגע אויסגאבען און פּראָפיטען.

אמאלגאמייטעד קלאָדינג סיסטעם
827 בראָדוויי, צווייטער פלאָר

דעזיינערס פאַר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פערלאַנגט!

לייכט צו לערנען און פיעל געלד צו פאַרדינען!
הונדערטע לייטע האָבען שוין אויסגעלערענט אונזער מעטאָדע און יעצט פאַרדינען די פיעל געלד.
נעהמט איצט אַ קורס
— אין די —
מיטשעל סקול
אין דעזיינינג פאַר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. אַ קורס אין מיטשעל סקוהל מיינט אַ באַלדיגע פּאָזישאָן און גרויסע געהאַלט.
די מיטשעל סקול פון גארמענט דעזיינינג, פּעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאַר פרויען קליידער. עטאַבלירט איבער 50 יאָהר מיט דעם גרעסטען ערפאָלג.
נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאָדען. בעסטע רעזולטאַטען.
פּריוואַט אונטערריכט אין אידיש. טאָג און אָבענד קלאַסען.
גוטע בעדינגונגען.
שרייבט, טעלעפאָנירט אָדער קומט פאַר אַ פרייען בוקלעט, דעמאָנסטריישאָן און פולע אויסקינפטע.
אָבענד קלאַסען: מאָנטאָג, מיטוואָך און פרייטאָג.
MITCHELL DESIGNING SCHOOL
912-920 BROADWAY (Cor. 21st), NEW YORK
Phone, Stuyvesant 8388
Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

10 ביכער
וואָס קאָסטען אין איינצעלנעם פאַרקויף 19 דאָלאַר
ווען איהר אָרדערט אלע צוזאַמען קאָסט אייך בלויז
10 דאָלאַר פאַר אלע 10 ביכער

ניקאָלאַי לענין
און אויספיהרליכע ביאָגראַפיע פערפאַסט פון משה כץ.
די טעאָריע און פּראַקטיקע פון סאָציאַלע רעוואָלוציע
פון ניקאָלאַי לענין.
קולטור און רעוואָלוציע
פון מאקסים גאָרקי.
אויפ'ן שלאַכטפעלד
(ערינערונגען פון אַ סאָלדאַט).
דער גיהנם (אינפערנאָ)
פון עדואַרד שטילגעבאוער.

קונסט און סאָציאַליזם
פון א. וו. לונאַטשארסקי.
רעפאָרם אָדער רעוואָלוציע
פון ראָזא לוקסעמבורג.
גייסטיגע ערציהונג פון קינד
פון האַננאַה ג. סאָלוצקי.
דאָס לעבען און שטרעבען אין סאָוועט רוסלאַנד.
פון דר. א. גאָלדשמיט.
די אידען אין דער קריסטליכער וועלט
פון מ. א. גאָלדשמיט.

אָרדערט גלייך. מען וועט זיי צושיקען.
פערלאַג „נייע וועלט", 175 א. בראָדוויי, נ. י.
9טער פלאָר, רום 13.

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, ו). אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פארלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. III. No. 15. | Friday, April 8, 1921. | פרייטאג, דעם 8טען אפריל, | PRICE 3 CENTS

פרעז. ס. גאמפערס קומט אין ניו יארק וועגען קאמף געגען אינדזשאנקשאנס

ער וועט דא האבען א ספעציעלען קאנפערענץ מיט פרעזידענט שלעזינגער און מאריס הילקוויט.

סעמיועל גאמפערס, דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר, קומט קיין ניו יארק דיעזען שבת, דעם 9טען אפריל, ספעציעל וועגען דער אינדזשאנקשאן־מגפה, וואס בושוועט אזוי ביי אונז אין ניו יארק.

ווי באוואוסט, האט דער עקזעקוטיוו קאונסיל, פון דער א. פ. אוו ל. מיט א קורצער צייט צוריק גענומען א שטעלונג געגען דעם, וואס מאנכע דזשאדזשעס גיבען ארויס אינדזשאנקשאנס און פארווערען צו פיקעטען שעפער, וואס זיינען אין סטרייק. לעצטען מאנטאג איז פרעזידענט שלעזינגער געווען אין וואשינגטאן אלס איינער פון דער אמנעסטיע קאמיטע, און ער האט שוין, אין איין וועג, אנגעוויזען גאמפערס'ען, ווי עס רעגענט איצט מיט אינדזשאנקשאנס געגען יוניאנס אין ניו יארק; ער האט געצויגען גאמפערס'עס אויפמערקזאמקייט צו דער ערנסטקייט פון דער לאגע, און גאמפערס האט באשלאסען צו קומען אין ניו יארק און זעהן וואס דא קאן וועגען דעם געטאן ווערען.

פרעזידענט גאמפערס וועט שבת האבען אין ניו יארק צוויי קאנפערענצען. אין דערפריה וועט ער האבען א קאנפערענץ מיט פרעזידענט שלעזינגער און מאריס הילקוויט, דער הויפט לאייער פאר אונזער אינטערנעשאנאל אין די אינדזשאנקשאן קייסעס. אויף דעם קאנפערענץ וועט זיך גאמפערס באקענען מיט דעם כאראקטער פון די אינדזשאנקשאן־קייסעס געגען אונזער אינטערנעשאנאל.

נאך מיטאג וועט ער האבען א צווייטען קאנפערענץ מיט דער עקזעקוטיווע פון דעם „סענטראל טריידס און לייבאר קאונסיל פון גרייטער ניו יארק", די היגע צענטראלע קערפערשאפט פון די א. פ. אוו ל. יוניאנס. גאמפערס וועט פאר דער עקזעקוטיווע פארברייינגען די אלע אינדזשאנקשאן־קייסעס און עס איז גאנץ זיכער, אז די עקזעקוטיווע וועט נאכדעם די זאך פארברייינגען פאר דעם גאנצען פארבאנד, און עס וועט גענומען ווערען א שטעלונג. עס איז מעגליך, אז דער פארבאנד פון די אלע יוניאנס וועט אויפנעהמען דעם קאמף געגען די אינדזשאנקשאנס.

עס וואלט יעדענפאלס ניט געשאדט, עס זאל זיך דא אויפהויבען א ברייטע אנטי־אינדזשאנקשאן באוועגונג. עס זאלען גערופען ווערען גרויסע מאסמיטינגען, אויף וועלכע עס זאל אויפגעוויזען ווערען, ווי פארטייאיש עס האנדלען יענע דזשאדזשעס, וואס גיבען ארויס רעכטס און לינקס אינדזשאנקשאנס צו די מאנופעקטשורער, געגען וועלכע די יוניאנס פיהרען געזעצליכע און בארעכטיגטע סטרייקס. די עפענטליכע מיינונג מוז ווערען אויפגעוועקט, עס דארף באוויזען ווערען ווייט און ברייט, ווי מאנכע פון אונזערע ריכטער פארשוועכען די אמעריקאנער פרייהייט, זיך שטעלענדיג אזוי אפען אויף דער זייט פון די ברוטאלע קאפיטאליסטען, וואס ווילען דוקא פארניכטען די יוניאנס, דעם ארבייטער'ס איינציגע באשיצונג, אין דעם שווערען קאמף, וואס ער מוז פיהרען, אום צו מאכען א בכבוד'ין לעבען.

וויס־פרעז. דזש. האלפערן נייער מענעדזשער פון דזשאינט באארד אין דרעס און וויסט אינדוסטריע

דער 6 דאלער טעקס צו גונסטען דעם סטרייק ווערט אנגענומען.

ווען ברודער מאריס זיגמאן, אונזער 1טער וויס־פרעזידענט, האט אנגענומען דעם אמט אלס דזשענעראל מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע, איז עס דעמאלט פארשטאנען געווארען, אז ער נעהמט אן דעם אמט בלויז פארלויפיג, ביז עס וועט געלינגען יענעם דזשאינט באארד צו באקומען א פאסענדען מענשען אלס מענעדזשער און דורך דער גאנצער צייט, וואס ברודער זיגמאן איז געווען אין דעם אמט, האט ער אליין געהאלפען דעם דזש. באארד זוכען א פאסענדען מענש. מען האט געזוכט און געזוכט ביז מען האט זיך אנגעשטויסען אויף וויס־פרעזידענט דזש. האלפערין, דעם מענעדזשער פון דעם „אויט אוו טאון ארגאניזאציאנס דעפארטמענט" פון אונזער אינטערנעשאנאל.

אלזא, מיט דער צושטימונג פון ברודער זיגמאן איז וויס־פרעזידענט האלפערן, אויף דעם לעצטען מיטינג פון דעם דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע, אנגעשטעלט געווארען אלס דזשענעראל מענעדזשער פון דיעזער קערפערשאפט.

פאר אונזערע לעזער דארף ברודער האלפערין זיין גוט באקאנט. ער איז פאר א משך פון פיעלע יאהרען געווען דער פרעזידענט פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן. דאס איז געווען נאך דעם ערשטען גענעראל סטרייק פון 1910, ווען אין דער קלאוק אינדוסטריע האט עקזיסטירט דער ערשטער פראטאקאל־אגרימענט צווישען דער קלאוקמאכער יוניאן און די „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן". ער איז פאר איינגע יאהר צייט אויך געווען דער מענעדזשער פון זיין לאקאל, לאקאל 9, וועלכער איז טאקע דורך האלפערין'ס אנשטרענגונג געווארען איינער פון די באדייטענדע לאקאלס אין דעם דזשאינט באארד פון דער מעכטיגער קלאוקמאכער יוניאן. און גאר די לעצטע צייט איז ער געווען, ווי שוין באמערקט, דער מענעדזשער פון דעם אינטערנעשאנאל. אויט אוו טאון דעפארטמענט.

ווי וויט עס איז אונז באקאנט, האט ברודער האלפערין גוט־געמאכט אין יעדען אמט, וואס ער האט ביז איצט געהאלטען אין דער יוניאן, און ער וועט געוויס אויך גוטמאכען אין זיין נייעם אמט, אלס דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע. ברודער האלפערין איז פול מיט לעבען און ענערגיע, און דערפאר מאכט ער גוט אין יעדען אמט, וואס ער נעהמט אן. מיר ווינשען ברודער האלפערין גליק אין זיין נייעם אמט און מיר גראטולירען דעם דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע מיט דעם נייעם מענעדזשער.

דער 6 דאלער טעקס ווערט אנגענומען.

עס איז איבעריג דא צו ערקלערען, אז דאס בייטען זיך פון די מענעדזשערס

(שלוס אויף זייט 6)

די קלאוק סיטואציע אין קליוולאנד

מיטוואך, דעם 30טען מערץ איז פארגעקומען אין קליוולאנד א „היערינג" פאר דעם „באארד אוו רעפעריס". די קלאוק מאנופעקטשורערס אין קליוולאנד פארלאנגען, שוין זייט איניגע מאנאטען, א „רעדאקשאן" אין ווייזדשעס און די יוניאן שטרייט, נאטירליך, געגען דעם. דיזע פאדערונג האבען די מאנופעקטשורערס פארגעבראכט פאר דעם „באארד אוו רעפעריס", נאך מיט איניגע מאנאטען צוריק, און עס איז דעמאלט געבליבען די זאך זאל אויפגענומען ווערען א צווייטען מאל.

איצט, אלזא, איז די פראגע ווידער אמאל אויפגענומען געווארען.

די פארשטעהער פון דער מאנופעקטשורערס אסס'ן האבען גע'טענה'ט פאר דעם „באארד אוו רעפעריס", אז דער יקרות אין לאנד איז שוין פאראיבער און די ארבייטער דארפען דעריבער, ארונטערלאזען פון די שכירות.

דער צד פון די ארבייטער איז פארטראטען געווארען פון וויס פרעזידענט מ. פערלשטיין, און פון גענ. אלעקסאנדער טראכטענבערג, פון דעם אינס. ריסוירטש דעפארטמענט. גענ. טראכטענבערג האט פארבראכט אין קליוולאנד א פאר וואכען צייט און האט צונעשטעלט א גאנצע רייהע סטאטיסטיקס, וועגען דעם לעבענס קאסט אין קליוולאנד.

פערלשטיין האט געהאלטען א שטארקע רעדע, אויף דעם גרונט פון די סטאטיסטיקס און האט אנגעוויזען, אז די קלאוקמאכער אין קליוולאנד האבען גאר ניט פון וואס ארונטערצולאזען, דאס מיט די שכירות וואס זיי פארדינען איצט מאטערט מען זיך אויך גענוג צו מאכען א לעבען.

ווען דיזע שורות ווערען געשריבען איז נאך ניט באקאנט דער רעזולטאט פון דער „היערינג". דער „באארד אוו רעפעריס" האט גלייך זיין ענטשיידונג ניט ארויסגעגעבען. ער האט פארשפראכען דאס צו טאן אין די נעקסטע פאר טעג.

אונטערהאלטונג פון אונזערע סטודענטען — דעם שבת

דעם שבת אווענד, דעם 9טען אפריל, וועט זיין די אונטערהאלטונג פון אונזערע סטודענטען מיט די לעהרער. דאס וועט זיין אין דער דיינינג רום פון דער וואשינגטאן אירווינג היי סקול. די סטודענטען קענען אויך מיטברענגען זייערע פריינד און באקאנטע.

א טיקעט קאסט בלויז 30 סענט, אויף צו דעקען א טייל פון די אויסגאבען פאר'ן בופעט.

די ארבייטער אמנעסטיע קאמיטע ביי פרעז. הארדינג

פרעז. שלעזינגער פון אונזער אינטערנעשאנאל, און ל. לאנגער, דער סעק. פון דזש. באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, האבען פארטראטען די נאדעל־ארבייטער פון אמעריקא.

מאנטאג אין דערפריה, דעם 5טען אפריל, האט פרעזידענט הארדינג אויפגענומען אין ווייסען־הויז די אמנעסטי־קאמיטע פון דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט, וועלכע סעמיועל גאמפערס האט אפאינטעט.

די קאמיטע האט אויפגעפאדערט דעם פרעזידענט צו ערקלערען אן אלגעמיינע אמנעסטיע און אלע פאליטישע ארעסטירטע, וואס שמאכטען נאך אין די אמעריקאנער פריזאנס, זאלען באפרייט ווערען.

די פאלגענדע פערזאנען פון דער ארבייטער באוועגונג זיינען געווען אין דער קאמיטע:

סעמיועל גאמפערס און פרענק מארי־

(שלוס אויף זייט 3)

א גרוס פון דער יוניטי הויז אין פארעסט פארק

די זון, וואס טראגט זיך ארום אין די הימלען איבער ניו יארק האט זיך די וואך זעהר צוואווארימט און די „לייטישע מענשען", וועלכע קאנען זיך פארגינען, האבען שוין גענומען טראכטען אין וועלכען זומער פלאץ ארויסצופאהרען.

די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס אין ניו יארק דארפען זיך ניט ברעכען דעם קאפ מיט אזעלכע פראגען. זייער קאנטרי־פלאץ איז שוין אנגעגרייט. און נאך וואס פאר א קאנטרי־פלאץ! א פלאץ, וואו מיליאנערען פלעגען פארברייינגען דעם זומער מיט זייערע פאמיליען. איצט באלאנגט אט דער רייכער פלאץ צו די ארבייטער, צו די וויסט און דרעסמאכער, אבער דער פלאץ איז גרויס גענוג צו זיין דער זומער־פלאץ פאר די מיטגלידער פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין ניו יארק, און די מיטגלידער פון די אלע לאקאלס ווערען טאקע געלאדען צו קומען אהין פארברייינגען דעם קורצען וואקיישאן, וואס אן ארבייטער קאן זיך פארגינען.

אלזא, ניט געזוכט'עס! אייער זומערפלאץ איז גרייט. אונזערע וויסט און דרעסמאכער, און אויך די מיטגלידער פון די אנדערע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין ניו יארק דארפען זיך גאר ניט דרייען די קעפ, וואו צו פאהרען זומער אויף וואקיישאן. זיי דארפען אפשר בלויז דאגה'ן וואו מען נעהמט די געלד אויף צו פאהרען אין קאנטרי, אבער וואוהין צו פאהרען האבען זיי שוין.

אבער אויך די דאגה ווערט א סך קלענער, פאר די וואס פאהרען זומער אין דער יוניטי הויז. ווארים כאטש דער פלאץ איז רייך און פראכטפאל, רעכענט די יוניאן פאר באארד גאנץ מעסיגע פרייזען, — א סך ווייניגער, ווי עס קענען די פריוואט אונטערנעהמער, וואו מען דארף זיך שטיקען אין ענגשאפט.

מיס דזשעני מייטעס, פון דער יוניטי הויז קאמיטע פון לאקאל 25, האט לעצטע וואך באזוכט די יוניטי הויז צו זעהן, וואס דארט טוט זיך. ווי זי גיט אונז איבער, ווערט מען באגייסטערט, ווען מען קומט אהין, אין פריהלינג, ווי אין זומער. נעקסטע וואך וועלען מיר איבערגעבען אין די „גערעכטיגקייט" וואס זי האט אליין צו זאגען וועגען איהר באזוך אויף דער יוניטי הויז [illegible]

אינהאלט־פארציייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 15.

זייט 2. די וואך. — מאקס ד. דעניש. עקזאמינערס, באגראדערס יוניאן לאקאל 82. — מ. י. אשפיז.

זייט 3. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן. — ל. לאנגער. אין דער ריפערמאכער יוניאן לאקאל 17. — דזש. העללער.

זייט 4. אין אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. א מיטינג פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22. — ס. סנדלר.

זייט 5. וויכטיגע קאנפערענצען פון די קלאוקמאכער פאר די אמאלגאמייטעד. די קלאוקמאכער סטרייקס אין קאונטרי.

זייט 6. באריכט פון דזשענעראל סטרייק אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע. — מ. ק. מאקאוו. פילאדעלפיער נייעס. — א. נייבאוער.

זייט 7. דער הייליגער קאמף געגען זשארגאן. — ארמוני. ארבייטער־בילדונג. — אלעקסאנדער פימשהענדלער.

זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.

זייט 9. יוניאן קאנטראל אדער שאפ־קאמיטעס? — ל. פינקעלשטיין.

זייט 10. דער סטרייק פון די ענגלישע קוילען־גרעבער. — א. וועלדין. אויף איין וועג (סקיצע). — אל. גוריה.

זייט 11. דער נאטירליכער וועג פון טרייד יוניאניזם. — פיליפ קראנץ. ליריק. — א. ל. וואלפסאן.

זייט 12. די אינדזשאנקשאן קייסעס. — מאריס הילקוויט. [illegible]

זייט 14, 13 און 15. [illegible]

אונזער אינטערנעשאנאל אפע־לירט געגען אורטייל אין די אינדזשאנקשאן קייסעס.

(שלוס פון זייט 1)

רופען ווערען, שעדיגט עס די ביזנעס פון די מאנופעקטשורער. ווען דאס זאל ניט זיין דער פאל, וואלט דאך קיין מאנופעקטשורער קיינמאל קיין סטרייק ניט גע־סעטעלט. זיי וואלטען לאזען די ארבייטער סטרייקען ביז משיח וועט קומען.

די פראגע האט דאך אבער א צווייטע זייט. די ארבייטער געהען דאך סטרייקען ניט אזוי צו שעדיגען די ביזנעס פון די מאנופעקטשורער, ווי צו פארבעסערען זייער אייגענע ביזנעס. זיי זיינען דאך אויסען ניט צו פארערגערען די לאגע פון די מאנופעקטשורערס, נאר צו פארבעסערען זייער אייגענע לאגע. דאס אבער, ווי עס ווייזט אויס, געהט ווייניג וואס אן די קאפיטאליסטישע דזשאדזשעס. זיי געהט בלויז אן, וואס די סטרייקס שעדיגען די ביזנעס פון די מאנופעקטשורערס, עס הויבט זיי אבער גאר ניט אן צו ארען וואס דער פארווערען פיקעטען וועט שעדיגען די ביזנעס פון די ארבייטער!

אלזא, אונזער אינטערנעשאנאל אפעלירט די קייסעס צום העכערען געריכט, און מען וועט פרובירען דארטען קריגען גערעכטיגקייט פאר די ארבייטער. געג. מארוס הילקוויט איז דער הויפט לאיער פאר דער יוניאן, און עס וועט געמאכט ווערען א טעסט־קייס. א פארזוך וועט געמאכט ווערען, דאס די ענטשיידונגען פון דיעזע דזשאדזשעס זאל פון העכערען געריכט אומגעווארפען ווערען. עס בלייבט, אלזא, איבער צו זעהן, וואס דער העכערער געריכט וועט האבען צו זאגען וועגען דעם.

אן אסעסמענט פון 6 דאלאר פאר'ן סטרייק פון די ווייסט און דרעסמאכער.

(שלוס פון זייט 1)

צאהלט אין דער פארמע פון דעם טעקס, זאל זיי פאררעכענט ווערען צו דעם אסעסמענט. דאס הייסט, אויב אן ארבייטער האט שוין איינגעצאהלט, לאמיר זאגען, פיער דאלאר, דארף ער, אדער זי, איינצאהלען נאך צוויי דאלאר, און זיי זיינען פארטיג מיט דעם אסעסמענט. זיי דארפען באקומען פאר 6 דאלאר אסעסמענט סטעמפס, אריינקלעפען אין זייער יוניאן ביכעל און דאס וועט ווייזען, אז זיי האבען דעם אסעסמענט באצאהלט. און אזוי מיט אלע סומען, וואס די ארבייטער האבען שוין איינגעצאהלט אויף'ן טעקס.

דערוויילע איז דער אסעסמענט פאר דעם סטרייק נאך ניט אין קראפט. דער באארד או דירעקטארס האט אויסגעארבייט דעם פלאן און עס רעקאמענדירט צום דזשאינט באארד. בעת די שורות ווערען געשריבען מיטעט דער דזשאינט באארד, וואס דארף אויפנעהמען די פראגע, און ער וועט זיכער דעם אסעסמענט גוטהייסען. דאס וועט נאכדעם איבערגעגעבען ווערען פאר אן אפשטימונג צו די ברענטש־מיטינגען פון די מיטגלידער, און מען קאן האפען, אז אויך די ברענטש־מיטינגען וועלען עס גוטהייסען. עס איז צו האפען, אז די מיטגלידער אויף די ברענטש־מיטינגען וועלען באגרייפען דעם אמת'ען צוועק פון דעם אסעסמענט, נעמליך, אז אלע מיטגלידער פון דער יוניאן זאלען ביישטייערען זייער טייל צו דעם סטרייק, וואס ווערט נאך אנגעפיהרט, און די גאנצע לאסט זאל ניט פאלען בלויז אויף א טייל פון די מיטגלידער.